LIT 7508

I.B. Singer

# דער רואה ואינו נראה

## קאַפּיטל איינס

ס'ווערט געזאָגט, דאָס איך דער יצר־הרע, נידער־אַראָפּ אויף דער ערד און רעד־אָן צו זינד; דערנאָך גיי איך אויף אין הימל און בין מקטרג. דער אמת איז, אַז איך בין אויך דער יעניקער, וואָס גיב דעם זינדיקן די ערשטע שמיץ, אָבער איך טו דאָס אַלעמאָל מיט אַ שפּיצל, ס'זאָל כלומרשט אויסזען ווי אַ דרך הטבע, אַזוי אַז די אַנדערע פושעים זאָלן זיך נישט אַראָפּנעמען קיין מוסר, נאָר ווייטער זינקען אין שאול־תחתית.

נאָר לאָמיך איך ליבערשט דערציילן אַ מעשה.

אין דעם שטעטל פראַמפּאָל האָט געוואוינט אַ מאַן, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט זיין נגידות און ברייט פּירעכץ. מ'האָט אים גערופן ר' נתן יוזעפאָווער, מחמת אַליין האָט ער געשטאַמט פון קליין־יוזעפאָוו און ער איז דאָ געוואָרן אַן איידעם. ווען די מעשה הויבט זיך אָן, איז שוין ר' נתן געווען אַ זעכציקער, און אפשר מיט אַ שמיצל אַריבער. ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ ברייט־ביייניקער, און האָט געהאַט אַ גרויסן בויך, ווי געוויינלעך גבירים. אַ באָרד האָט ער געהאַט אַ טונקעלע און זי איז גע־וואַקסן קורץ און אין איינצלנע בינטלעך, אַ וואָרצל דאָ און אַ וואָרצל דאָרט, און צווישן האָבן אַרויסגעקוקט פּעטע באַקן, רויט ווי וויין. ברעמען האָט ער געהאַט גרויסע, געדיכטע, און עס האָבן פון הינטער זיי אַפּער־געקוקט אַ פּאָר לוסטיקע אייגעלעך. דער איד האָט אַלע יאָרן עוסק געווען אין דער מצוה פון ושמרתם את נפשותיכם, דהיינו: ער האָט געגעסן, געטרונקען און זיך געלאָזט וואוילגיין. אויף אָנבייסן האָט אים ס'ווייב געגעבן קאַלטע הון, ברויט געבאַקן מיט ראָזשינקעס, און ער האָט צו־געטרונקען אַ גלעזל מעד, מעשה פּריץ. ער האָט ליב געהאַט געבראָטענע טייבעלעך, מעגעלע אויסגעפּילט מיט געהאַקטער מילץ, אַ פּאַנקוכן געמישט מיט לעבער, אייער־לאָקשן מיט יויך, און נאָך אַנדערע גוטע שפּייז. מ'האָט געזאָגט אין שטעטל, דאָס זיין ווייב, רויזע טעמערל, גיט אים יעדן טאָג לאָקשן־קוגל, און אַז ווען ס'שמעקט אים אָן, שטעלט זי אים אַ טשאָלנט אין מיטן מיטוואָך. דער אמת איז אַז די אשה אַליין האָט אויך נישט געלייגט הינטערן אויער. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט, קיין געלט האָט נישט אויסגעפעלט, און מאַן־און־ווייב האָבן, אַפּנים, געהאַלטן אַז קייען איז נישט הבל. בקיצור, זיי זענען ביידע געוואָרן פעט און שווער. אין מיטן טאָג, נאָך וואָרעמעס, האָבן זיי געלאָזט פאַרמאַכן די לאָדן אין שלאָף־שטוב און געשנאָרכט אונטער די איבערדעקן ווי אין מיטן דער נאַכט. ווינטער, ווען דער אָוונט פאַלט צו פרי, און די נאַכט איז אַזוי לאַנג ווי ס'אידישע גלות, האָבן מאַן־און־ווייב אָפּגעריכט חצות. דהיינו, זיי זענען אויפגעשטאַנען פון געלעגער און דערקוויקט די געמיטער מיט אַ פּופּיקל, אַ לעבערל, אַ קאַפּ איינגעמאַכץ און פאַרטרונקען מיט אַ שלוק באָרשט, אָדער עפּל־קוואַס. דערנאָך האָבן זיי זיך אומגעקערט אין די הימל־בעטן, און געחלומט פון דער מאָרגנדיקער גריץ...

ר' נתן איז געווען אַ תבואה־סוחר, אָבער ער האָט זיך מיט זיין מסחר ווייניק אָפּגעגעבן. די עסקים זיינען געגאַנגען ווי פון זיך אַליין. הינטער דעם הויז וואָס ער האָט גע'ירש'נט פון שווער, איז געווען אַ גרויסער שפּייכלער מיט צוויי דעמבענע טירן. עס זענען אויך געשטאַנען אין הויף אַלערליי קאַמערן, שאַפּעס און ביידלעך. אין די דערפער אַרום זענען געווען אַ סך אַלטע פּויערים, וואָס האָבן פאַרקויפט זייער תבואה און פלאַקס נאָר ר' נתנ'ען. אַפילו ווען אַנדערע סוחרים האָבן אָנגעבאָטן מער, האָבן זיי נישט געוואָלט הערן, ווייל זיי האָבן געטרויט בלויז ר' נתנ'ען און זיין ערלעכקייט. מחמת ער האָט געהאַט גענוג מזומנים, האָט ער קיינמאָל נישט צוריקגעשיקט קיינעם מיט ליידיקע הענט און אַמאָל אַפילו געגעבן אַן אַדערויף אויף איבער־אַ־יאָר. די פּאַרגרעבטע פּויערים האָבן דערפאַר ר' נתנ'ען אָפּגעדינט און אים געבראַכט אומזיסט האָלץ פון וואַלד און זייערע ווייבער האָבן פאַר אים אָנגעקליבן שוואָמען און בערעלעך. אַן אַלטע דינסט, וואָס איז געוואָרן יונג אַן אַלמנה, האָט אַכטונג געטון אויף דער ווירטשאַפט און אַפילו געהאָלפן אין מסחר. אַחוץ אין מאַרק־טאָג האָט ר' נתן אַ גאַנצע וואָך נישט געטון קיין האַנט אין קאַלט וואַסער.

ער האָט ליב געהאַט זיך אָנצוטאָן אין זיינע שיינע מלבושים און צו דערציילן מעשיות. זומער האָט ער געלאָזט אַרויסשטעלן אַ בעט אין הויף צווישן די בוימער, און ער האָט דאָרט געדרימלט, אָדער אַמאָל אַריינגעקוקט אין טייטש־חומש, צי אין אַ מעשה־ביכל. (מיט לשון־קודש איז ער נישט געווען שווה בשווה). שבת איז ער גערן געגאַנגען הערן אַ מגיד און אַמאָל גענומען אַן אורח. ער האָט געהאַט אַלערליי פאַר־וויילכצער. ער האָט, צום ביישפּיל, געהאַט גאַרגעניגן ווען זיין ווייב, רויזע טעמערל, האָט אים געקיצלט אין די זוילן פון די פיס, און זי פלעגט אים דאָס טון, ווען נאָר עס האָט זיך אים פאַרוואָלט. ער האָט געהאַט אין הויף אַן אייגן מרחץ און בייזע צינגער האָבן געזאָגט, אַז ער באָדט זיך דאָרטן צוזאַמען מיטן ווייב. פאַרנאַכט־צו פלעגט ער אַרויס־קומען אויפן גאַניק פון זיין הויז אין אַ זיידענעם שלאַפראָק, אויסגעשטיקט מיט בלומען און בלעטער, אין שטעק־שיך מיט טראָלדן, און האָט פאַר־רויכערט אַ לולקע־ציבעק מיט אַ בורשטינענעם קאַפּ. די לייט, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן אים געזאָגט גאָט העלף, און ער האָט יעדן פריינטלעך אָפּגעענטפערט. צומאָל האָט ער אין גאַס אָפּגעשטעלט אַ מיידל, זי אויסגעפרעגט וועגן דאָס און יענץ און איר נאָכגעזאָגט אַ גלייכווערטל. שבת נאָכן פּרק פלעגט ער זיך אַוועקזעצן אויף דער באַנק צווישן די ווייבער, קנאַקן ניסלעך, אָדער קערלעך, זיך צוהערן צו דער מאַטלעריי און דערציילן וועגן זיינע באַגעגענישן מיט די פּריצים, גלחים און, להבדיל, רבנים. ער האָט אין די יונגע יאָרן געהאַט געמאַכט עטלעכע ווייטע נסיעות, קיין קראָקע, בראָד און קיין דאַנציג.

# *The Unseen*

Translated by Norbert Guterman and Elaine Gottlieb

## I
### *Nathan and Temerl*

THEY say that I, the Evil Spirit, after descending to earth in order to induce people to sin, will then ascend to Heaven to accuse them. As a matter of fact, I am also the one to give the sinner the first push, but I do this so cleverly that the sin appears to be an act of virtue; thus, other infidels, unable to learn from the example, continue to sink into the abyss.

But let me tell you a story. There once lived a man in the town of Frampol who was known for his wealth and lavish ways. Named Nathan Jozefover for he was born in Little Jozefov, he had married a Frampol girl and settled there. Reb Nathan, at the time of this story, was sixty, perhaps a bit more. Short and broad-boned, he had, like most rich people, a large paunch. Cheeks red as wine showed between the clumps of short black beard. Over small twinkling eyes his eyebrows were thick and shaggy. All his life, he had eaten, drunk, and made merry. For breakfast, his wife served him cold chicken and raisin bread, which, like a great landowner, he washed down with a glass of mead. He had a preference for dainties such as roast squab, necks stuffed with chopped milt, pancakes with liver, egg noodles with broth, etc. The townspeople whispered that his wife, Roise Temerl, prepared a noodle puddding for him every day, and if he so desired made a Sabbath dinner in the middle of the week. Actually, she too liked to indulge.

Having plenty of money and no children, husband and wife apparently believed that good cheer was in order. Both of them, therefore, became fat and lazy. After their lunch, they would close the bedroom shutters and snore in their featherbeds as though it were midnight. During the winter nights, long as Jewish exile, they would get out of bed to treat themselves to gizzard, chicken livers, and jam, washed down with beet soup or apple juice. Then, back to their canopied beds they went to resume their dreams of the next day's porridge.

Reb Nathan gave little time to his grain business, which ran itself. A large granary with two oaken doors stood behind the house he had inherited from his father-in-law. In the yard there were also a number of barns, sheds, and other buildings. Many of the old peasants in the surrounding villages would sell their grain and flax to Nathan alone, for, even though others might offer them more, they trusted Nathan's honesty. He never sent anyone away empty-handed, and sometimes even advanced money for the following year's crop. The simple peasants, in gratitude, brought him wood from the forest, while their wives picked mushrooms and berries for him. An elderly servant, widowed in her youth, looked after the house and even assisted in the business. For the entire week, with the exception of market day, Nathan did not have to lift a finger.

He enjoyed wearing fine clothes and telling yarns. In the summer, he would nap on a bed among the trees of his orchard, or read either the Bible in Yiddish, or simply a story book. He liked, on the Sabbath, to listen to the preaching of a magid, and occasionally to invite a poor man to his house. He had many amusements: for example, he loved to have his wife, Roise Temerl, tickle his feet, and she did this whenever he wished. It was rumored that, he and his wife would bathe together in his own bathhouse, which stood in his yard. In a silk dressing gown embroidered with flowers and leaves, and wearing pompommed slippers, he would step out on his porch in the afternoon, smoking a pipe with an amber bowl. Those who passed by greeted him, and he responded in a friendly fashion. Sometimes he would stop a passing girl, ask her this and that, and then send her off with a joke. After the reading of the Perek on Saturday, he would sit with the women on the bench, eating nuts or pumpkin seeds, listening to gossip, and telling of his own encounters with landowners, priests, and rabbis. He had traveled widely in his youth, visiting Cracow, Brod, and Danzig.

רויזע טעמערל איז געווען כמעט געראָטן אין ר׳ נתנ׳ען, ווי דאָס שפּריכוואָרט זאָגט: מאַן און ווייב שלאָפן אַזוי לאַנג אויף איין קישן, ביז זיי קריגן גלייכע קעפּ... זי איז געווען אַ קליינע, אַ לייביקע, מיט באַקן, וואָס זיינען געבליבן רויט און פול אויך אויף דער עלטער און מיט אַ קליין מיילכל, וואָס האָט געהאַט ניין מאָס רייד. שבת און יום־טוב איז זי געווען אַ פירזאָרגערין אין ווייבער־שול, ווייל זי האָט געקענט בראָקן עברי און געוואוסט וואו צו מישן און בלעטערן אין סידור, אָדער אין דער תחינה. זי האָט אָפט געפירט אַ כלה אין שול אַריין, אַנגענומען אַן אונטער־פירעכץ, אַ קוואַטערשאַפט, און איז צומאָל אומגעגאַנגען צונויפנעמען אויף אַן אויסשטייער פאַר אַן אָרעמער כלה. אויבוואויל זי איז געווען נגידית׳טע, האָט זי געשטעלט באַנקעס קראַנקע און איז געווען זייער פלינק אין אַרויסרייסן ביי אַ הון דעם פּיפּעטש. זי איז אויך געווען טויגעוודיק אין שטריקן און אויסנייען. זי האָט געהאַט איר אייגנס אַ סך צירונג און טוצן מיט קליידער, יופּיצעס און שובעס. זי האָט דאָס אַלץ געהאַלטן אין דעמ־בענע קופערטן, עס זאָל זיין אָפּגעהיטן פון מולן און גנבים. מחמת זי האָט זיך געטויגט צו לייט, האָט מען איר אָקעגנגעטראָגן דעם גוט־מאָרגן און איר אָנגעטון כבוד אין יאַטקע, אין מקווה, אין קראָם, און וואו נאָר זי איז געקומען. איר איינציקע זאָרג איז געווען וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין קינדער. נו, האָט זי דערפאַר געגעבן אַ פּרוטה צדקה, און געהאַט באַצייטנס אָפּגעדונגען אַ פרומען איד, אַ לערנער, ער זאָל נאָך איר זאָגן קדיש איבער הונדערט יאָר. גרויס פאַרגעניגן האָט איר פאַרשאַפט דאָס קניפּל, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט פון יאָר צו יאָר. זי האָט געהאַט ליגן ערגעץ אין אַ באַהעלטעניש אַ טאָרבעלע מיט רענדלעך, און זי האָט זיי אָפט געציילט, אויבוואויל זי האָט נישט געוואוסט ווען זי וועט דאָס געלט אויסגעבן, ווייל אַלץ וואָס זי האָט געברויכט, האָט איר ר׳ נתן פאַרשאַפט. ר׳ נתן האָט געוואוסט פון איר סוד, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק, ווארום ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מים גנובים ימתקו, און ער האָט געלאָזט די אייטלקייט זאָל איר וואויל באַקומען.

### קאַפּיטל צוויי

אין איינעם אַ טאָג איז די אַלטע דינסט געוואָרן פאַרשלאָפט און איז נישט לאַנג דערנאָך געשטאָרבן. ר׳ נתן און זיין ווייב האָבן געהאַט דערפון גרויס עגמת־נפש, וואָרום, ערשטנס, זיינען זיי צוגעוואוינט געוואָרן צו איר און זי איז געווען אין הויז ווי אַ לייבלעכע קרובה. צווייטנס, איז זי געווען אַן ערלעכע, אַ פלייסיקע, אַ געטרייע, און ס׳איז נישט גרינג געווען צו געפינען אַן אַנדערע אויף איר אָרט. ר׳ נתן און רויזע טעמערל האָבן געגאָסן מיט טרערן אויף איר קבר, און דעם ערשטן קדיש האָט געזאָגט נאָך איר ר׳ נתן, איר בעל־הבית. ער האָט צוגעזאָגט, אַז באַלד נאָך די שלושים וועט ער אַריבערפאָרן קיין יאַנעוו צום מצבה־קריצער און לאָזן שטעלן פאַר איר אַ מצבה, ווי זי האָט פאַרדינט. דעם אמת געזאָגט, האָט ר׳ נתן נישט צוגעלייגט צו איר טויט. די אשה האָט געהאַט אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל מינץ, ווייל זי האָט פון איר שכירות ווייניק־וואָס אויסגעגעבן, און זי האָט אַלץ איבערגעלאָזט אירע בעלי־בתים, וואָרום זי האָט נישט געהאַט קיין קרובים.

באַלד נאָך דער לוויה האָט רויזע טעמערל גענומען זוכן אַן אַנדערע דינסט, נאָר זי האָט נישט געקאָנט געפינען יענערס גלייכן. די פראַמפּאָלער מוידן זיינען געווען פויל, האָבן נישט געקאָנט קאָכן און פּרעגלען ווי זי, רויזע טעמערל, האָט גערן געהאַט, און מ׳האָט זיך ווייניק געקאָנט אויף זיי פאַרלאָזן. מ׳האָט איר אָנגעשלאָגן אַלערליי גרושות, אלמנות, עגונות, נאָר קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט די מעלות, וואָס רויזע טעמערל האָט פאַרלאַנגט. ווען מ׳האָט איר געבראַכט אַ דינסט, האָט זי גענומען אויספרעגן זי ווי מ׳קאָכט פיש, מ׳זייערט איין באָרשט, מ׳באַקט אַלערליי מינים שטרודל, פלאָדן, אייער־קיכלעך, און וואָס מ׳טוט ווען מילך אָדער באָרשט ווערט געראונען, ווען אַ הון איז צו האַרט, ווען אַ יויך איז צו פעט, ווען אַ טשאָלנט ווערט אָנגעברענט, ווען אַ גריץ איז צו שיטער אָדער צו געדיכט, און נאָך אַנדערע קלאָץ־קשיות. די מויד איז דערפון אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז דאָס לשון האָט איר אָפּגענומען, און זי איז אַוועק אַ פאַרשעמטע. אַזוי זענען אַריבער וואָכן און די אויסגעקעכלטע רויזע טעמערל האָט געמוזט אַליין זיך פאַרנעמען מיט דערווירטשאַפט, און זי האָט געזען באַשיינפּעלעך, אַז ס׳איז גרינגער צו עסן אַ מאָלצייט ווי דאָס צו־צוגרייטן.

נו, האָב איך, דער בעל־דבר, נישט געקאָנט צוזען ווי ר׳ נתן און זיין אשה ווערן נעבעך פאַרהונגערט, און זיי צוגעשיקט אַ דינסט — הפלא ופלא.

די דינסט האָט געשטאַמט פון זאַמאָשטש און זי האָט אַ צייט אפילו געדינט אין לובלין, אין גביר׳ישע הייזער. די מויד האָט אין אָנהויב נישט געוואָלט קומען אין דער העק פראַמפּאָל אפילו ווען מ׳זאָל זי אָפּגילטן. אָבער גבאי׳טעס און פּושקע־מעקלערינס האָבן זיך אַריינגעלייגט, רויזע טעמערל האָט צוגעזאָגט אַ פּאָר גילדוינים אויפן זמן מער ווי זי האָט געצאָלט פריער, און די דינסט, שפרה צירל, איז באַשטאַנען. מ׳האָט אייגנס

Roise Temerl was almost the image of her husband. As the saying goes: when a husband and wife sleep on one pillow finally they have the same head. Small and plump, she had cheeks still full and red despite her age, and a tiny talkative mouth. The smattering of Hebrew, with which she just found her way through the prayer books, gave her the right to a leading role in the women's section of the prayer house. She often led a bride to the synagogue, was sponsor at a circumcision, and occasionally collected money for a poor girl's trousseau. Although a wealthy woman, she could apply cups to the sick, and would adroitly cut out the pip of a chicken. Her skills included embroidery and knitting. She possessed numerous jewels, dresses, coats, and furs, all of which she kept in oaken chests as protection against moths and thieves.

Because of her gracious manner, she was welcomed at the butcher's, at the ritual bath, and wherever else she went. Her only regret was that she had no children. To make up for this, she gave charitable contributions and engaged a pious scholar to pray in her memory after her death. She took pleasure in a nest-egg she had managed to save over the years, kept it hidden somewhere in a bag, and now and then enjoyed counting the gold pieces. However, since Nathan gave her everything she needed, she had no idea of how to spend the money. Although he knew of her hoard, he pretended ignorance, realizing that "stolen water is sweet to drink," and did not begrudge her this harmless diversion.

## II
### *Shifra Zirel the Servant*

One day their old servant became ill and soon died. Nathan and his wife were deeply grieved, not only because they had grown so accustomed to her that she was almost a blood relative, but she had also been honest, industrious, and loyal, and it would not be easy to replace her. Nathan and Roise Temerl wept over her grave, and Nathan said the first Kaddish. He promised that after the thirty-day mourning period, he would drive to Janov to order the tombstone she deserved. Nathan, actually, did not come out a loser through her death. Having rarely spent any of her earnings, and being without a family, she had left everything to her employers.

Immediately after the funeral, Roise Temerl began to look for a new servant, but could not find any that compared to the first. The Frampol girls were not only lazy, but they could not bake and fry to Roise Temerl's satisfaction. Various widows, divorced women, and deserted wives were offered her, but none had the qualifications that Roise Temerl desired. Of every candidate presented at her house, she would make inquiries on how to prepare fish, marinate borscht, bake pastry, strudel, egg cookies, etc.; what to do when milk and borscht sour, when a chicken is too tough, a broth too fat, a Sabbath pudding overdone, a porridge too thick or too thin, and other tricky questions. The bewildered girl would lose her tongue and leave in embarrassment. Several weeks went by like this, and the pampered Roise Temerl, who had to do all the chores, could clearly see that it was easier to eat a meal than prepare one.

Well, I, the Seducer, could not stand by and watch Nathan and his wife starve; I sent them a servant, a wonder of wonders.

A native of Zamosc, she had even worked for wealthy families in Lublin. Although at first she had refused—even if she were paid her weight in gold—to go to an insignificant spot like Frampol, various people had intervened, Roise Temerl had agreed to pay a few gulden more than she had paid previously, and the girl, Shifra Zirel, decided to take the job.

געמוזט אַרויסשיקן צו איר אַ פור קיין זאַמאָשטש, ווייל זי האָט געהאַט מיט זיך אַ סך געפעק. זי איז געקומען צו פאָרן מיט קופערטן, קוישן און רענצלעך, ווי אַ נגיד׳ישע כלה. אויבוואויל זי איז שוין אַלט געווען עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר, האָט זי אויסגעזען ווי אַ מויד פון אַכצן אָדער ניינצן. די האָר האָט זי פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּ. און זי האָט זיי אַרומ־געוויקלט פון ביידע זייטן קאָפּ אין קרענצלעך. זי איז געגאַנגען אין אַ געקראַטעט שאַלכל מיט פראַנזן, אין אַ קאַרטן קלייד און אין שיך מיט שמאָלע קלעצלעך, הויכע כאַלעוועס און צו פאַרקנעפּלען מיט קנעפּלעך, אויפן גרויס־שטאָטישן שטייגער. זי איז געווען אַ יפה־פיה. דאָס פּנים איז געווען שמאָל, דער קין — שאַרף, ווי ביי אַ וועלפיכע, די ליפּן — דין, און די אויגן האָבן געקוקט קליגעריש און וואוילעריש. אין די אויערן־לעפּלעך האָבן זיך געבאָמבלט אויערינג און אויפן האַלדז האָט געהאַנגען אַ שנור קרעלן. זי האָט גלייך זיך באַקלאָגט אויף די פראַמפּאָלער בלאָטעס, אויף דעם ברונעם־וואַסער, וואָס האָט געהאַט אַ בייגעשמאַק פון ליים, און אויף דעם היימיש־געבאַקענעם ברויט, וואָס איז פול מיט קלאַיען. רויזע טעמערל האָט איר צום ערשטן מאָל צוגעטראָגן אַ טעלער אָנגע־ברענטע זופּ. זי האָט אָנגענומען אַ קאָפּ אויפן שפּיץ לעפל, פאַרזוכט און זיך פאַרקרימט.

זי האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל איר געבן פאַר אַן אַרויסהעלפערין אַ מיידל אָדער אַ שיקסל, און רויזע טעמערל האָט נאָך לאַנגע זוכענישן געפונען פאַר איר אַ געזונטע שיקסע, דעם באָד־גױ׳ס אַ טאָכטער. שפרה צירל האָט גלייך זיך גענומען שאַפן מיט איר, ווי אַ באַלעבאָסטע. זי האָט איר געהייסן שייערן די דילן, אויסשמירן קוימען־אויוון, אויס־קערן דאָס שפּינוועבס אין די ווינקלען, און געלאָזט אַרויסשטעלן אין קאַמער אַריין דאָס איבעריקע מעבל: אַלערליי הינקענדיקע שטולן, שענק־לעך, בענקלעך און געשטעלכלעך. ס׳איז געוואָרן גערוים אין די חדרים מיט איר קומען און ליכטיקער, ווייל זי האָט געלאָזט אויסוואַשן די פענצטער און אַראָפּגענומען די פאַרשטויבטע פאָרהאַנגען. דאָס ערשטע וואַרעמס, וואָס זי האָט אָפּגעקאָכט, האָט פאַר׳חידוש׳ט ר׳ נתנ׳ען און רויזע טעמערלען.

דער קייסער האָט נישט באַדאַרפט האָבן קיין בעסערע קעכין. פאַר דער יויך האָט זי דערלאַנגט אַ פאַרשפּייז פון קעלבענער לונג־און־לעבער, סיי געקאָכט, סיי געבראָטן, און ס׳האָט זיך דערפון געטראָגן אַ ריח, וואָס האָט פאַרריסן אין דער נאָז. די זופּ איז געווען געווירצט מיט געווירצן, וואָס מ׳האָט גאָר אין פראַמפּאָל נישט באַקומען, ווי פּאַפּריקע און קאַפּער, וואָס די מויד האָט, אַפּנים, געבראַכט מיט זיך פון זאַמאָשטש. דאָס צימעס איז געווען אַ געמיש פון עפּל־קאָמפּאָט, ראָזשינקעס, שאַפּטאַלן און זי האָט דערין אַריינגעטון צימרינג, זאַפרען און נעגעלעך, אַז ס׳האָט פאַרשמעקט די שטוב. דערנאָך האָט זי דערלאַנגט שוואַרצע קאַווע מיט ציקאָריע, ווי עס פירט זיך ביי די לובלינער גבירים. ר׳ נתן און רויזע טעמערל האָבן געוואָלט גלייך נאָך דעם מאָלצייט גיין שלאָפן אונטערן איבערבעט, ווי זייער שטייגער איז געווען, אָבער שפרה־צירל האָט זיי געוואָרנט, אַז ס׳איז נישט געזונט זיך צו לייגן באַלד נאָכן עסן, מחמת דער דאַמפּ גייט פון מאָגן אין די געהירן, און זי האָט זיי געהייסן זיך דורכגיין עטלעכע מאָל אַהין און צוריק איבערן גאָרטן. ר׳ נתן איז געווען איבערגעזעטיקט פון די גוטע שפּייזן און שיכור׳לעך פון דער קאַווע. די פיס האָבן זיך אים געוואַקלט און ער האָט גע׳טענה׳ט צו רויזע טעמערלען:

— וואָס זאָגסטו, נגידה מיינע? ס׳איז אַן אוצר, נישט קיין דינסט.

— זי זאָל אונדז נאָר נישט פאַרשטערט ווערן — האָט געענטפערט רויזע טעמערל, וואָס האָט געוואוסט, אַז מענטשן זיינען גרויסע נישט־פאַרגינער, און האָט מורא געהאַט פאַר אַ בייז־אויג, אָדער מ׳זאָל די מויד פּשוט נישט אָפּרעדן.

נו, וועל איך מיך דאָ נישט אויסברייטערן וועגן די גוטע מאכלים, וואָס שפרה צירל האָט געקאָכט, וועגן די באָבעלעך און מאַקאַראָנדלעך, וואָס זי האָט געבאַקן, און די איינפירעכצער, וואָס זי האָט איינגעפירט. די שכנים האָבן ממש נישט דערקאָנט ר׳ נתנ׳ס דירות און זיין הויף. שפרה צירל האָט געלאָזט קאַלכן די ווענט פון הויז, רייניקן די קאַמערן און שאַפעס. זי האָט געדונגען אַ גוי ער זאָל אַרויסרייסן דאָס שטעכעכץ און דאָס אַנדערע אומקרויט, וואָס איז געוואַקסן אין גאָרטן, און פאַר־ריכטן די צוים און די שטאַכעטן פון גאַניק. זי האָט זיך געפאַרעט אין דעם פאַרמעגן נישט ווי אַ דינסט, נאָר ווי אַן אייגנטימערין. שבת נאָכן טשאָלנט, ווען שפרה צירל איז אַרויס שפּאַצירן, אין אַ וואָלן קלייד און שיכלעך מיט לאַנגע שפּיצן, האָבן איר נאָכגעקוקט נישט בלויז די פּראָסטע יונגען און די מוידן, נאָר אויך בעלי־הבתי׳שע בחורים און מיידלעך. זי איז געגאַנגען מיט אַ פּאַרריסענעם קאָפּ און האָט גרויסאַרטיק אונטערגעהויבן אַ פּאָלע. עס האָט איר נאָכגעשפּאַנט די שיקסע, דעם באָד־גױ׳ס טאָכטער, און איר נאָכגעטראָגן אַ טיכל מיט שבת־אויבסט און קיכלעך, וואָרום אין פראַמפּאָל איז נישט געווען קיין עירוב און מ׳האָט נישט געטאָרט טראָגן. ווייבער, וואָס זענען געזעסן אויף די בענק, פאַר די הייזער, האָבן אויף איר געשאָקלט מיט די קעפּ.

— אַ פּאַרריסענע פּריצה! — האָבן זיי געזאָגט וועגן איר, און פאַר־אויסגעזאָגט, אַז:

— זי וועט זיך לאַנג אין פראַמפּאָל נישט האַלטן.

In the carriage that had to be sent to Zamosc for her and her extensive luggage, she arrived with suitcases, baskets, and knapsacks, like a rich bride. Well along in her twenties, she seemed no more than eighteen or nineteen. Her hair was plaited in two braids coiled at the sides of her head; she wore a checkered shawl with tassels, a cretonne dress, and narrow heeled shoes. Her chin had a wolf-like sharpness, her lips were thin, her eyes shrewd and impudent. She wore rings in her ears and around her throat a coral necklace. Immediately, she found fault with the Frampol mud, the clay taste of the well water, and the lumpy home-made bread. Served over-cooked soup by Roise Temerl on the first day, she took a drop of it with her spoon, made a face, and complained, "It's sour and rancid!"

She demanded a Jewish or Gentile girl as an assistant, and Roise Temerl, after a strenuous search, found a Gentile one, the sturdy daughter of the bath attendant. Shifra Zirel began to give orders. She told the girl to scrub the floors, clean the stove, sweep the cobwebs in corners, and advised Roise Temerl to get rid of the superfluous pieces of furniture, various rickety chairs, stools, tables, and chests. The windows were cleaned, the dusty curtains removed, and the rooms became lighter and more spacious. Roise Temerl and Nathan were amazed by her first meal. Even the emperor could ask for no better cook. An appetizer of calves' liver and lungs, partly fried and partly boiled, was served before the broth, and its aroma titillated their nostrils. The soup was seasoned with herbs unobtainable at Frampol, such as paprika and capers, which the new servant had apparently brought from Zamosc. Dessert was a mixture of applesauce, raisins, and apricots, flavored with cinnamon, saffron, and cloves, whose fragrance filled the house. Then, as in the wealthy homes of Lublin, she served black coffee with chicory. After lunch, Nathan and his wife wanted to nap as usual, but Shifra Zirel warned them that it was unhealthful to sleep immediately after eating, because the vapors mount from the stomach to the brain. She advised her employers to walk back and forth in the garden a few times. Nathan was brimful of good food, and the coffee had gone to his head. He reeled and kept repeating, "Well, my dear wife, isn't she a treasure of a servant?"

"I hope no one will take her away," Roise Temerl said. Knowing how envious people were, she feared the evil eye, or those who might offer the girl better terms.

There is no sense going into detail about the excellent dishes Shifra Zirel prepared, the babkas and macaroons she baked, the appetizers she introduced. The neighbors found Nathan's rooms and his yard unrecognizable. Shifra Zirel had whitewashed the walls, cleaned the sheds and closets, and hired a laborer to weed the garden and repair the fence and railing of the porch. Like the mistress of the house rather than its servant, she supervised everything. When Shifra Zirel, in a woolen dress and pointed shoes, went for a stroll on Saturdays, after the pre-cooked cholent dinner, she was stared at not only by common laborers and poor girls, but by young men and women of good families as well. Daintily holding up her skirt, she walked, her head high. Her assistant, the bathhouse attendant's daughter, followed, carrying a bag of fruit and cookies, for Jews could not carry parcels on the Sabbath. From the benches in front of their houses women observed her and shook their heads. "She's as proud as a landowner's wife!" they would comment, predicting that her stay in Frampol would be brief.

## קאַפּיטל דריי

אין איינעם אַ דינסטיק, ווען רויזע טעמערל איז צוגעפאָרן קיין יאַנעוו מבקר־חולה זיין איר איינציקע שוועסטער, האָט ר׳ נתן געהייסן דער שיקסע זי זאָל אים צוגרייטן דאָס שוויץ־באָד. ער האָט זינט פרימאָרגן געשפּירט אַ ברעכעניש אין די געלענקן, אַ צוויקעניש אין די ביינער, און ער האָט געוואוסט, אַז עס איז נישטאָ קעגן דעם קיין בעסערע רפואה ווי אויסצושוויצן זיך. די שיקסע האָט אָנגעלייגט אַ סך שייטן האָלץ אין אויוון אַרום די שטיינער און אָנגעצונדן אַ פייער. זי האָט אויך אָנגעפילט דאָס טון מיט וואַסער. דאַן איז זי צוריק אַוועק אין קיך. ווען דאָס פייער האָט זיך אויסגעברענט, האָט ר׳ נתן זיך אויסגעטון נאַקעט און אַרויפגעגאָסן אַ שעפּעלע וואַסער אויף די אָנגעגליטע שטיינער. דאָס מרחץ איז געוואָרן פול מיט פּאַרע. ר׳ נתן איז אַרויפגעקראָכן מיט די טרעפּ הויך, וואו די פּאַרע איז הייס און געדיכט, און ער האָט זיך אַליין געשמיסן מיט אַ באָד־בעזעמל, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט פון פריער. ס׳זאָל אים צו קיין גנאי נישט זיין: געוויינלעך פלעגט אים רויזע טעמערל צוהעלפן דערביי. ווען ער האָט געשוויצט, האָט זי געגאָסן די שעפּעלעך, און ווען זי האָט געשוויצט, האָט ער דאָס געטון. זיי האָבן זיך אויך איינער דעם אַנדערן געשמיסן מיט בעזעמלעך און רויזע טעמערל האָט אים דערצו געקעמט מיט אַ קאַם און אים דערנאָך געבאָדן אין אַ הילצערנער וואַנע. נו, האָט אָבער רויזע טעמערל געמוזט פאָרן צו איר שלאָפער שוועסטער קיין יאַנעוו און ר׳ נתן האָט נישט געוואַרט ביז זי וועט צוריקקומען, ווארום זיין שוועגערין איז שוין געווען אויף דער עלטער און ס׳איז גריילעך מעגלעך געווען, אַז זי וועט צומאַכן אַן אויג און רויזע טעמערל וועט מוזן זיצן אין איר הויז שבעה. צום ערשטן מאָל האָט ר׳ נתן אַליין זיך פאַרנומען מיט זיין באָד. ווי געוויינלעך, איז די פּאַרע באַלד געזעצט געוואָרן. ר׳ נתן האָט געוואָלט אַראָפּקלעטערן און ווידער אויפגיסן אַ שעפּעלע, אָבער ער איז פויל געווען און די פיס זענען אים געווען שווער. ער איז געלעגן מיט׳ן אַרויסשטאַרצנדיקן בויך אַרויף און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל זיך געשמיסן מיט דעם בעזעמל, געריבן דעם דיך, די קני, די שענקלען, און געקוקט אַרויף צום קרומען באַלקען, וואָס איז געווען שוואַרץ פון רויך. דורך אַ שפּאַלט האָט אַריינגעקוקט דער אויסגעלייטערטער הימל. ס׳איז גראַד געווען אין חודש אלול, און ר׳ נתן איז געקומען צו אומעטיקע מחשבות. ער האָט געדענקט זיין יאַנעווער שוועגערין ווי זי איז נאָך געווען אַ יונג און האָפערדיק ווייבל. איצט איז זי געלעגן אין גסיסה, און ר׳ נתן האָט באַנומען, אַז ער אַליין וועט אויך נישט אייביק עסן מאַרצעפּאַנעס און שלאָפן אויף אַ פּוכענער אונטערדעק, נאָר אַז מ׳עט אים אין איינעם אַ טאָג אַריינלייגן אין אַ פינצטערן גרוב, אים צודעקן די אויגן מיט שערבעלעך, און ווערים וועלן פאַרצערן דאָס לייב, וואָס רויזע טעמערל האָט אויסגעצערטלט אין די קנאַפּע פופציק יאָר, וואָס זי איז געווען זיין ווייב.

ווי ר׳ נתן איז אַזוי געלעגן מיט פופּיק אַרויף און געהאַט חשבון־הנפש, האָט ער פּלוצלינג דערהערט ווי דאָס קייטל האָט געטון אַ קלינג און די טיר האָט אַ סקריפּ געטון. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען אַ פאַרבליפטער אַריינקומען שפרה צירלען. דער קאָפּ איז איר געווען פאַרבונדן מיט אַ ווייס טיכל. זי האָט געהאַט אויף זיך בלויז אַן אונטערקליידל און איז געגאַנגען באָרוויס. ר׳ נתן האָט מיט אַ פאַרשטיקט קול אַ געשריי געטון „ניטע" און געאיילט צו פאַרדעקן זיין שאַנד. ער האָט גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ אויף ניין און אַ צעטומלטער איר געגעבן צייכנס זי זאָל אַרויסגיין. נאָר שפרה צירל האָט זיך אָנגערופן:

— זאָל דער באַלעבאָס נישט קיין מורא האָבן, כ׳על אים גאָרנישט אָפּבייסן...

זי האָט אָנגענומען אַ שעפּל וואַסער אין דער טון און אַ גאָס געטון איבער די הייסע שטיינער. די קאַמער איז געוואָרן פול מיט צישעניש, און ווייסע קנוילן פּאַרע האָבן זיך האַסטיק אויפגעהויבן און אַ ברי געטון ר׳ נתנ׳ען אין אַלע אברים. דאַמאָלס האָט שפרה צירל אַרויפשפּאַנט מיט די טרעפּ צו ר׳ נתנ׳ען, אַ כאַפּ געטון דאָס בעזעמל און אים גענומען שמייסן. ר׳ נתן איז פון דעם אַלעמען אַזוי מבולבל געוואָרן, אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט זיך פאַרקייכט און זיך שיר נישט אַראָפּגעקייקלט פון דער גליטשיקער באַנק. שפרה צירל האָט דערווייל געטון דאָס איריקע. זי האָט אים פלייסיק געשמיסן, און אים געזייפט מיט אַ שטיק זייף, וואָס זי האָט אייגנס צוגעגרייט. ווען ר׳ נתן איז צום סוף געקומען צו זיך, האָט ער אַ כאָרכל געטון:

— וואָס טוט זיך מיט דיר? ס׳איז דאָך אַ חרפה און אַ בושה.

— וואָס איז די חרפה? — האָט די מויד אָפּגעענטפערט מיט פאַרשייטקייט — איכ׳ל דעם באַלעבאָס נישט מיינע־שונאים־זיין...

זי האָט זיך לאַנג איבער אים געפּאָרעט, אים געקעמט, געצוואָגן, געזייפט, געשוואָנקען, און ר׳ נתן האָט געמוזט מודה זיין, אַז די קליפה איז טויגעוודיקער פון זיין רויזע טעמערלען. אירע האַנט־פלאַכן זיינען אויך געווען גלאַטיקער און זיי האָבן געקיצלט זיין לייב און דערוועקט אין אים תאווה. ער האָט באַלד פאַרגעסן, אַז ס׳איז אין חודש אלול, און האָט געהייסן דער מויד פאַרשפּאַרן די טיר אויף דעם פלאָקן. נאָך אַ קווענקלעניש האָט ער איר אָנגעבאָטן זי זאָל מיט אים טון אַן עבירה.

— דאָס, פעטער, נישט! — האָט די מויד געענטפערט מיט תקיפות און אים אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפּל וואַסער.

— פאַרוואָס נישט? — האָט ער געפרעגט און עס איז אים גערונען פון קאָפּ, פון האַלדז, פון בויך, פון אַלע אברים.

— ווייל דאָס געהער צום מאַן.

— האָסט דאָך אָבער נישט קיין מאַן.

— וועל איך מערטשישעם האָבן.

## III
### *Temptation*

One Tuesday, when Roise Temerl was in Janov visiting her sister, who was ill, Nathan ordered the Gentile girl to prepare a steam bath for him. His limbs and bones had been aching since morning, and he knew that the only remedy for this was to perspire abundantly. After putting a great deal of wood in the stove around the bricks, the girl lighted the fire, filled the vat with water, and returned to the kitchen.

When the fire had burnt itself out, Nathan undressed and then poured a bucket of water on the red hot bricks. The bathhouse filled with steam. Nathan, climbing the stairs to the high shelf where the steam was hot and dense, whipped himself with a twig broom that he had prepared previously. Usually Roise Temerl helped him with this. When he perspired she poured the buckets of water, and when she perspired he poured. After they had flogged each other with twig brooms, Roise Temerl would bathe him in a wooden tub and comb him. But this time Roise Temerl had had to go to Janov to her sick sister, and Nathan did not think it wise to wait for her return, since his sister-in-law was very old and might die and then Roise Temerl would have to stay there seven days. Never before had he taken his bath alone. The steam, as usual, soon settled. Nathan wanted to go down and pour more water on the bricks, but his legs felt heavy and he was lazy. With his belly protruding upward, he lay on his back, flogging himself with the broom, rubbing his knees and ankles, and staring at the bent beam on the smoke-blackened ceiling. Through the crack, a patch of clear sky stared in. This was the month of Elul, and Nathan was assailed by melancholy. He remembered his sister-in-law as a young woman full of life, and now she was on her deathbed. He too would not eat marchpanes nor sleep on eiderdown forever, it occurred to him, for some day he would be placed in a dark grave, his eyes covered with shards, and worms would consume the body that Roise Temerl had pampered for the nearly fifty years that she had been his wife.

Probing his soul, Nathan lay there, belly upward, when he suddenly heard the chain clank, the door creak. Looking about, he saw to his amazement, that Shifra Zirel had entered. Barefoot, with a white kerchief around her head, she was dressed only in a slip. In a choking voice, he cried out, "No!" and hastened to cover himself. Upset, and shaking his head, he beckoned her to leave, but Shifra Zirel said, "Don't be afraid, master, I won't bite you."

She poured a bucket of water over the hot bricks. A hissing noise filled the room, and white clouds of steam quickly rose, scalding Nathan's limbs. Then Shifra Zirel climbed the steps to Nathan, grabbed the twig broom, and began to flog him. He was so stunned, he became speechless. Choking, he almost rolled off the slippery shelf. Shifra Zirel, meanwhile, continued diligently to whip him and to rub him with a cake of soap she had brought. Finally, having regained his composure, he said, hoarsely, "What's the matter with you? Shame on you!"

"What's there to be ashamed about?" the servant asked airily. "I won't harm the master . . ."

For a long time she occupied herself combing and massaging him, rubbing him with soap, and drenching him with water, and Nathan was compelled to acknowledge that this devilish woman was more accomplished than Roise Temerl. Her hands, too, were smoother; they tickled his body and aroused his desire. He soon forgot that this was the month of Elul, before the Days of Awe, and told the servant to lock the wooden latch of the door. Then, in a wavering voice, he made a proposition.

"Never, uncle!" she said resolutely, pouring a bucket of water on him.

"Why not?" he asked, his neck, belly, head, all his limbs dripping.

"Because I belong to my husband."

"What husband?"

"The one I'll have some day, God willing."

— קום אַהער, שפרה צירל, האָט ער זי גערופן, איכ'ל דיר געבן אַ מתנה... אַ שנירל קרעלן, אָדער אַ בראָש...

— ס'עט דעם באַלעבאָס גאָרנישט העלפן, האָט זי געענטפערט, אַ שאָד די רייד.

— גיב מיר כאָטש אַ קוש, האָט דער אַלטער בעל־תאווה זיך געבעטן.

— אַ קוש קאָסט ביי מיר אַ פינף־און־צוואַנציקער, האָט שפרה צירל זיך אָנגערופן.

— פרוטות אָדער דרייערלעך? — האָט ר' נתן איבערגעפרעגט מעשה־סוחר, און שפרה צירל האָט דערווידערט:

— גילדוינים...

ר' נתן האָט איבערגעטראַכט. פינף און צוואַנציק גילדוינים גייען נישט צופּוס. אָבער איך, דער זקן וכסיל, האָב אים דערמאָנט, אַז אייביק לעבט מען נישט, היום כאן ומחר בקבר, און אַז ס'איז נישט קיין סכנה, אויב ער וועט איבערלאָזן אויף עולמות אַ פּאָר גילדן וויניקער. ער האָט דעריבער אַ זאָג געטון:

— מילא, נו מסכים...

די מויד האָט זיך צו אים צוגעבויגן, אַרומגענומען זיין האַלדז־און־נאַקן און אים דערלאַנגט אַ קוש אין מויל אַריין. עס איז געווען האַלב אַ קוש, האַלב־אַ־ביס, און ביי ר' נתנ'ען איז דער אָטעם פאַרשפאַרט געוואָרן. אַ פייער פון גלוסטעניש האָט זיך אין אים אָנגעצונדן. ער האָט דערנאָך געפּרוּווט אויפשטיין און זיך אָנטון, נאָר הענט און פיס האָבן זיך אים געטרייסלט און שפרה צירל האָט אים געמוזט העלפן אַראָפּ־קריכן און אַפילו אים איינגעהילט אין אַ מלבוש. ר' נתן האָט אַ מורמל געטון:

— הייסט עס אַזוי, ביזטו גאָר אַזאַ...

— פאַרשעמט מיך נישט, ר' נתן — האָט די מויד אַ זאָג געטון מיט וואָרעניש — איך בין אַ כשר מיידל.

כשר ווי אַ חזיר־פיסל, האָט ר' נתן געטראַכט. ער האָט געעפנט די טיר און זי געלאָזט אַרויסגיין פון קאַמער. נאָך אַ לאַנגער ווייל איז ער אויך אַרויס. ער האָט דערביי זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן, אויב קיינער זעט אים נישט. גיי ריכט זיך גאָר אַזאַ זאַך זאָל מיר צו האַנט קומען, האָט ער געמורמלט. די מויד איז אַ חצופה אַ זונה!... און ער האָט אָפּגעפּאַסט ביי זיך מער זיך נישט אַריינצולאָזן מיט איר אין מחזקות.

קאַפּיטל פיר

ביינאַכט איז ר' נתן געלעגן אויף זיין פוכענער אונטערדעק, אָנגע־לענט אויף דריי קישנס, איבערגעדעקט מיט אַ זיידענער קאָלדרע, נאָר מיין ווייב, לילית, און אירע חברה־לייט האָבן צוגערויבט זיין שלאָף. ער איז אַנטדרימלט געוואָרן און זיך אויפגעכאַפּט. עס האָט זיך אים אָנגעהויבן עפּעס חלומ'ען בהקיץ, נאָר ער איז דערשראָקן געוואָרן פון דעם זעעניש און זיך אָפּגעשאָקלט. אַ האַנט האָט זיך אים געטון אַ וואָרף. אַ פוס האָט אַ צאַפּל געטון. אַ נישט־געזעענער האָט צו אים געשושקעט און אים עפּעס איינגערוימט. אַ ווייל האָט זיך אים אויס־געדוכט, אַז ער איז דורשטיק. באַלד האָט ער דערשפּירט אַ היץ אין קאָפּ. ער איז אַראָפּ פון געלעגער, אָנגעשטעקט די ווייכע שטעק־שיך, זיך איינגעהילט אין אַ שלאָפראָק און איז אַריין אין קיך אָנשעפּן אַ קוואָרט וואַסער. ווען ער האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער טון, האָבן זיך אים די פיס אַ שטרויכל געטון, און ער איז שיר נישט אַריינגעפאַלן. מיט אַמאָל האָט ער באַנומען דאָס ער גלוסט צו דער מויד. שפרה צירל, מיט אַ שטאַרקער גלוסטעניש, עפּעס גאָר אַ מעשה בחור. וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר? האָט ער אַ מורמל געטון, נישט אַנדערש נאָר ס'איז מעשי־שטן... ער האָט זיך געלאָזט גיין צוריק צום שלאָף־חדר, נאָר די פיס האָבן אים כלומרשט אַליין אַריינגעפירט אין דעם קעמערל, וואו די דינסט איז געשלאָפן. ער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און זיך איינגעהערט. הינטערן פּיעקעליק האָט געשאָרכט. צווישן טרוקענעם האָלץ האָט גע־סקריפּעט. פונדרויסן האָט אַ לויכט געטון אַ בלייכע שיין פון אַ לאַמטער און ס'האָט זיך דערהערט אַ זיפץ. ר' נתן האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'איז אלול און אַז גאָטספאָרכטיקע לייט שטייען אויף פאַרטאָג צו סליחות. ער האָט שוין געוואָלט זיך אומקערן, נאָר דאָ האָט די מויד זיך אַ דריי געטון און געפרעגט מיט אַ וואַך קול:

— ווער איז עס?...

— דאָס בין איך — האָט ר' נתן געשעפּטשעט.

— וואָס וויל דער באַלעבאָס? — האָט זי געפרעגט.

— דו ווייסט אַליין — האָט ר' נתן געענטפערט.

די מויד האָט אַ קרעכץ געטון און איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווי זי וואָלט איבערגעטראַכט וואָס צו טון. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן:

— זאָל דער באַלעבאָס צוריקגיין שלאָפן. ס'איז אָן עבירה די רייד.

— כ'קען נישט איינשלאָפן, — האָט ר' נתן זיך פאַרקלאָגט פאַר איר מיט דעם נוסח ווי ער פלעגט אַמאָל רעדן צו רויזע טעמערלען, — פאַרטרייב מיך נישט!

— זאָל דער באַלעבאָס אַוועקגיין, — האָט שפרה צירל גערופן מיט אַ פאַרשטיקט קול, — ווען נישט, וועל איך שרייען געוואַלד!...

— שאַ, כ'על דיך, חלילה, נישט באַצווינגען, — האָט ר' נתן זי איינגעשטילט, — דו געפעלסט מיר. כ'האָב דיך ליב.

— אויב דער באַלעבאָס האָט מיך ליב, זאָל דער באַלעבאָס מיט מיר חתונה האָבן, — האָט זי געזאָגט.

— סטייטש, כ'האָב דאָך אַ ווייב, האָט ר' נתן געענטפערט מיט שטוינונג.

— נו, איז וואָס? דערויף איז דאָ אַ גט ביי אידן, האָט די מויד זיך אָנגערופן און זיך אויפגעזעצט.

"Come on, Shifra Zirel," he said. "I'll give you something—a coral necklace, or a brooch."

"You're wasting your breath," she said.

"A kiss at least!" he begged.

"A kiss will cost twenty-five coins," Shifra Zirel said.

"Groszy or threepence pieces?" Nathan asked, efficiently, and Shifra Zirel answered, "Gulden."

Nathan reflected. Twenty-five gulden was no trifle. But I, the Old Nick, reminded him that one does not live forever, and that there was no harm in leaving a few gulden less behind. Therefore, he agreed.

Bending over him, placing her arms about his neck, Shifra Zirel kissed him on the mouth. Half kiss and half bite, it cut his breath. Lust arose in him. He could not climb down, for his arms and legs were trembling, and Shifra Zirel had to help him down and even put on his dressing gown. "So that's the kind you are . . ." he murmured.

"Don't insult me, Reb Nathan," she admonished. "I'm pure."

"Pure as a pig's knuckle," Nathan thought. He opened the door for her. After a moment, glancing anxiously about to make sure he was not seen, he left also. "Imagine such a thing happening!" he murmured. "What impudence! A real whore!" He resolved never again to have anything to do with her.

## IV
### *Troubled Nights*

Nathan lay at night on his eiderdown mattress, wrapped in a silken blanket, his head propped up by three pillows, but he was robbed of sleep by my wife Lilith and her companions. He had droused off, but was awake; he began to dream something, but the vision frightened him, and he rose with a start. Someone invisible whispered something into his ear. He fancied, for a moment, that he was thirsty. Then his head felt feverish. Leaving his bed, he slipped into his slippers and dressing gown, and went to the kitchen to scoop up a mug of water. Leaning over the barrel, he slipped and almost fell in. Suddenly he realized that he craved Shifra Zirel with the craving of a young man. "What's the matter with me?" he murmured, "This can only be a trick of the devil." He started to walk to his own room, but found himself going to the little room where the servant slept. Halting at the doorway, he listened. A rustling came from behind the stove, and in the dry wood something creaked. The pale glow of a lantern flashed outside; there was a sigh. Nathan recalled that this was Elul, that God-fearing Jews rise at dawn for the Selichot prayers. Just as he was about to turn back, the servant opened the door and asked in an alert tone, "Who's there?"

"I am," Nathan whispered.

"What does the master wish?"

"Don't you know?"

She groaned and was silent, as though wondering what to do. Then she said, "Go back to bed, master. It's no use talking."

"But I can't sleep," Nathan complained in a tone he sometimes used with Roise Temerl. "Don't send me away!"

"Leave, master," Shifra Zirel said in an angry voice, "or I'll scream!"

"Hush. I won't force you, God forbid. I'm fond of you. I love you."

"If the master loves me then let him marry me."

"How can I! I have a wife!" Nathan said, surprised.

"Well, what of it? What do you think divorce is for?" she said and sat up.

ס'איז נישט קיין נקבה, נאָר אַ שד, — האָט ר' נתן אַ טראַכט געטון. ער האָט מורא באַקומען פאַר איר און פאַר אירע רייד. ער איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר אַ שווערער, אַ מבולבל'ער, און אָנגעשפּאַרט די אָרעמס אין די ביישטידלעך. דער יצר־טוב, וואָס איז אלול־צייט אַ גאַנצער תקיף, האָט אים דערמאָנט מעשיות פון קב הישר, וואָס ער, נתן, האָט געלייענט אויף עברי־טייטש: פון חסידים, וואָס האָבן זיך באַגעגנט מיט פריצות, נישט־גוטע, זונות, און זיינען בייגעשטאַנען דעם נסיון. איכ'ל זי גלייך אַוועקשיקן, האָט ר' נתן אַ קלער געטון, באַלד, אם ירצה השם, מאָרגן. כ'זאָל איר אַפילו דאַרפן באַצאָלן פאַרן גאַנצן זמן... אָבער געזאָגט האָט ער:

— וואָס טוט זיך מיט דיר? איך האָב געלעבט מיט אַ ווייב קנאַפּע פופציק יאָר, און איצט זאָל איך זי גט'ן?

— פופציק יאָר איז גענוג, האָט די מויד געענטפערט מיט חוצפה.

אַנשטאָט איר עזות זאָל אים זיין דערווידער, האָט דאָס אים, מערקט אייך, נאָך מער צוגעצויגן. ער איז צוגעגאַנגען צו איר בעט און זיך געזעצט אויפן ראַנד. אַ טרפ'ענע וואַרעמקייט האָט געהויכט פון איר געלעגער. אַ שטאַרקער באַגער האָט אים אָנגעכאַפּט. ער האָט אַ זאָג געטון:

— ווי אַזוי זאָל איך זי גט'ן? זי'ט נישט וועלן נעמען קיין גט...

— אַ גט קען מען אָנהענגען, האָט געענטפערט די מויד, וואָס האָט, אַפּנים, געקענט דעם דין.

אומזיסט האָט ר' נתן זי געפּרוּווט מפתה זיין מיט גוטע רייד און צוזאָגענישן. די מויד האָט נישט געוואָלט הערן. ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין געלעגער ווען ס'האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. די ווענט פון שלאָף־חדר זיינען געווען גרוי, ווי לייוונט. די זון אין מזרח האָט זיך אָנגעצונדן, ווי אַ קויל אין אַ קופּע אַש, און געוואָרפן אַ שאַרלעך־רויטקייט, ווי אַ שיין פון גיהנום. אַ קראָ האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דעם זוים פון ר' נתנ'ס פענסטער און גענומען קראַקן מיט איר קרומען שוואַרצן שנאָבל, גלייך זי וואָלט אים אָנגעזאָגט אַ בייזע בשורה. אַ פראָסט איז אַריבער איבער ר' נתנ'ס ביינער. ער האָט שוין דערשפּירט, אַז ער איז מער נישט ביי זיך אין רשות; אַז איך, דער יצר־הרע, האָב אים גענומען אין די הענט אַריין און טרייב אים אויף אַ קרומען וועג, פול מיט סכנות און שטרויכלונגען.

פון דאַמאָלס אָן האָב איך ר' נתנ'ען מער נישט געגעבן קיין מנוחה.

אין דער צייט וואָס זיין ווייב, רויזע טעמערל, איז געזעסן אין יאַנעוו שבעה נאָך איר שוועסטער, האָב איך אים יעדע נאַכט אויפגעוועקט, אים געטריבן צו שפרה צירלען, און זי האָט אים יעדעס מאָל אָפּגעשטופּט. ער האָט זיך געבעטן ביי איר תחנונים, צוגעזאָגט צו שענקען איר טייערע מתנות, איר צו געבן אַ נדן און איר אָפּצושרייבן אַ טייל פון זיין ירושה, נאָר זי האָט נישט געוואָלט הערן. ער האָט געשוואוירן, אַז ער וועט מער צו איר נישט קומען, נאָר ער האָט באַלד געבראָכן די שבועה. ער האָט געפּלאַפּלט נאַרישע רייד, וואָס פּאַסן נישט פאַר קיין חשוב'ן מאַן און זיך צו שאַנד געמאַכט. מחמת ער האָט זי איבערגעוועקט פון שלאָף, האָט זי אים געטריבן פון זיך און אים אַפילו געשלאָגן. אַן אַנדער מאָל האָט זי געמאַכט פון אים לצנות, און אים אָפּגעגאָסן מיט'ן נעגל־וואַסער. בעת ער איז געקראָכן פון שלאָף־חדר צום קעמערל און צוריק, האָט ער אין חשכות זיך אָנגעשלאָגן אָן טירן, אַלמערס, אויוונס, און ס'זענען אים אויפגעגאַנגען ביילן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן פּאַמעשאַף און עס אויסגעגאָסן. ער האָט געפּרוּווט זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים, וואָס ער האָט געדענקט פון אויסנווייניק, און געבעטן גאָט ער זאָל אים מציל זיין פון דער נעץ, וואָס איך האָב אויף אים אויסגעשפּרייט, אָבער איך האָב פאַרקריפּלט די הייליקע ווערטער אין זיינע לעפצן, און אים פאַרווירט מיט אומריינע מחשבות. איך האָב אָנגעשיקט אין דער שלאָף־שטוב אַלערליי גלי־ווערים, באַבעלעך, מולן, מיקן, און דער דומפּיקער אויער איז געווען פול מיט זשומעניש און זשוזשעניש. ר' נתן איז געלעגן אַ וואַכער, מיט אויפגעריסענע אויגן, אויסגעשפּיצטע אויערן און זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך. העענער האָבן געקרייט, זשאַבעס אין די זומפּן האָבן געקוואַקעט, גרילן האָבן געגרילצט, בליצן האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ נישט־דער־וועלטישער שיין. אַ שדל האָט געהאַלטן אין איין טענה'ן צו אים: זיי נישט קיין יאָלד, נתן, די מויד וואַרט אויף דיר... זי וויל זען אויב דו ביסט אַ מאַנסביל, אָדער אַ לעקיש... ער האָט אים געזומט אין אויער אַריין: יאָ אלול, נישט אלול, אַ נקבה איז אַ נקבה, און אַז מ'כאַפּט נישט אַריין אויף דער־וועלט, איז אין קבר צו־שפּעט... נתן האָט אין זיין אייפער גערופן שפרה צירלען און אָפּגעוואַרט אויף איר ענטפער. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז ער הערט אירע באָרוועסע טריט און אַז ער זעט אין דער פינצטערניש די ווייסקייט פון איר לייב, אָדער פון איר העמד. צום סוף איז ער אויפגעשטאַנען און אַ ציטערנדיקער און פלאַטערנדיקער ווידער געגאַנגען צו איר. אָבער די מויד איז געבליבן האַרטנעקיק.

— אָדער איך, אָדער די באַלעבאָסטע! — האָט זי געזאָגט. — זאָל דער באַלעבאָס גיין!...

און זי האָט געכאַפּט דעם בעזעם פון דער קופּע מיסט און אים דערלאַנגט איבערן רוקן. און ר' נתן יוזעפאָווער, דער גרעסטער נגיד פון פראַמפּאָל, וואָס יונג און אַלט האָבן אים כבוד אָנגעטון, האָט אַן אָפּגעשמיסענער זיך אומגעקערט צו זיין געלעגער און זיך געוואָרפן אין קדחת ביז זון־שפּראַץ.

"She's not a woman," Nathan thought, "but a demon." Frightened by her and her talk he remained in the doorway, heavy, bewildered, leaning against the jamb. The Good Spirit, who is at the height of his power during the month of Elul, reminded him of *The Measure of Righteousness*—which he had read in Yiddish—stories of pious men, tempted by landowners' wives, she-demons, whores, but who had refused to succumb to the temptation. "I'll send her away at once, tomorrow, even if I must pay her wages for a year," Nathan decided. But he said, "What's wrong with you? I've lived with my wife for almost fifty years! Why should I divorce her now?"

"Fifty years is sufficient," the brazen servant answered.

Her insolence, rather than repelling him, attracted him the more. Walking to her bed, he sat on the edge. A vile warmth arose from her. Seized by a powerful desire, he said, "How can I divorce her? She won't consent."

"You can get one without her consent," said the servant, apparently well informed.

Blandishments and promises would not change her mind. To all Nathan's arguments, she turned a deaf ear. Day was already breaking when he returned to his bed. His bedroom walls were gray as canvas. Like a coal glowing on a heap of ashes, the sun arose in the east, casting a light, scarlet as the fire of hell. A crow, alighting on the windowsill, began to caw with its curved black beak, as though trying to announce a piece of bad news. A shudder went through Nathan's bones. He felt that he was his own master no longer, that the Evil Spirit, having seized the reins, drove him along an iniquitous path, perilous and full of obstacles.

From then on Nathan did not have a moment's respite.

While his wife, Roise Temerl, observed the mourning period for her sister in Janov, he was roused each night, and driven to Shifra Zirel, who, each time, rejected him.

Begging and imploring, he promised valuable gifts, offered a rich dowry and inclusion in his will, but nothing availed him. He vowed not to return to her, but his vow was broken each time. He spoke foolishly, in a manner unbecoming to a respectable man, and disgraced himself. When he woke her, she not only chased him away, but scolded him. In passing from his room to hers in the darkness, he would stumble against doors, cupboards, stoves, and he was covered with bruises. He ran into a slop basin and spilled it. He shattered glassware. He tried to recite a chapter of the Psalms that he knew by heart and implored God to rescue him from the net I had spread but the holy words were distorted on his lips and his mind was confused with impure thoughts. In his bedroom there was a constant buzz and hum from the glowworms, flies, moths, and mosquitoes with which I, the Evil One, had filled it. With eyes open and ears intent, Nathan lay wide awake, listening to each rustle. Roosters crowed, frogs croaked in the swamps, crickets chirped, flashes of lightning glowed strangely. A little imp kept reminding him: Don't be a fool, Reb Nathan, she's waiting for you; she wants to see if you're a man or a mouse. And the imp hummed: Elul or no Elul, a woman's a woman, and if you don't enjoy her in this world it's too late in the next. Nathan would call Shifra Zirel and wait for her to answer. It seemed to him that he heard the patter of bare feet, that he saw the whiteness of her body or of her slip in the darkness. Finally, trembling, afire, he would rise from his bed to go to her room. But she remained stubborn. "Either I or the mistress," she would declare. "Go, master!"

And grabbing a broom from the pile of refuse, she would smack him across the back. Then Reb Nathan Jozefover, the richest man in Frampol, respected by young and old, would return defeated and whipped to his canopied bed, to toss feverishly until sunrise.

## קאַפּיטל פינף

ווען רויזע טעמערל האָט זיך אומגעקערט פון יאַנעוו און דערזען איר מאַן, איז זי שטאַרק דערשראָקן געוואָרן. זיין פּנים איז געווען גרוי, ווי ערד. ליידיקע טאָרבעס האָבן נאָכגעהאַנגען אונטער זיינע אויגן. זיין באָרד, וואָס איז געבליבן ביז ערשט־נישט־לאַנג שוואַרץ, איז געווען פול מיט ווייסע פעדים. זיין בויך איז געוואָרן לויז און האָט נאָכגעהאַנגען ווי אַ זאַק. ער האָט זיך קוים געשלעפּט אויף די פיס, ווי אַ מסוכן־שלאָפער. ווי איז מיר, עפּעס שענערס לייגט מען דאָך אין דר׳ערד אַריין! — האָט רויזע טעמערל אַ געשריי געטון. זי האָט גענומען פאָרשן וואָס אים איז, און מחמת ער האָט איר נישט געקאָנט זאָגן דעם אמת, האָט ער איר איינגערעדט, אַז ער ליידט פון קאָפּ־ווייטיק, דריקעניש אונטערן לעפעלע, קלעמעניש אין די זייטן, און נאָך אַזעלכע מיחושים. אויבוואויל רויזע טעמערל איז געווען אויסגעבענקט נאָך איר מאַן און האָט געגאַרט מיט אים זיך אָנצופרייען, האָט זי געלאָזט שפּאַנען פערד־און־וואָגן און אים געהייסן אַריבערפאָרן קיין לובלין צום דאָקטאָר. זי האָט אים איינגעפּאַקט אַ פול רענצל מיט קיכלעך, איינגעמאַכטסן, זאַפטן און אַלערליי אַנדערע דערקוויקענישן, און אים אָנגעזאָגט ער זאָל נישט שפּאָרן קיין געלט, נאָר זיך נאָכפרעגן ביים גרעסטן דאָקטאָר און נעמען אַלע רפואות, וואָס ער וועט פאַרשרייבן. זי איז נאָכגעגאַנגען דער פור אַ שטיק וועגס, ביז צו דער בריק, און אויך שפרה צירל האָט באַלייט איר באַלעבאָס און אים געוואונטשן אַ באַלדיקע רפואה.

שפּעט ביינאַכט, ווען די פולע לבנה האָט געשיינט, די פור איז געפאָרן אויף אַ וואַלדיקן וועג און שאָטנס זענען געלאָפן פאָראויס, בין איך, דער יצר־הרע, געקומען צו ר׳ נתנ׳ען און האָב געפרעגט:

— וואוהין פאָרסטו, נתן?...

— דו זעסט דאָך, האָט ער געענטפערט, צו אַ דאָקטאָר.

— קיין שום דאָקטאָר קאָן דיין ווייטיק נישט היילן, האָב איך גערופן.

— וואָס זאָל איך טון? — האָט ער מיך צוריקגעפרעגט — אָפּ׳גט׳ן מיין אַלט ווייב?

און איך האָב געענטפערט:

— וואָרום נישט? האָט דען נישט אברהם אָבינו פאַרטריבן זיין קעפּסווייב הגר אין דער מדבר אַריין מיט אַ לאָגל וואַסער, ווייל ער האָט שרה׳ן ליבער געהאַט? האָט ער דען נישט נאָך שפּעטער גענומען קטורה׳ן און מיט איר געהאַט זעקס זין? האָט דען נישט משה, דער רבי פון אַלע אידן, גענומען צו צפורה׳ן נאָך אַ פרוי פון לאַנד כוש, און ווען מרים האָט אויף אים געהאַט תרעומות, איז זי געוואָרן קרעציק ווי שניי?... זיי וויסן, נתן, אַז דיר איז באַשערט געווען צו האָבן זין און טעכטער און לויט דעם דין האָסטו געדאַרפט גט׳ן רויזע טעמערלען צען יאָר נאָך דער חתונה. נו, קאָנסט דו נישט אַוועק פון דער וועלט ביז וואַנען דו וועסט נישט ברענגען קיין דור און דעריבער האָט מען דיר פון הימל צוגעשיקט די שפרה צירל, דו זאָלסט ליגן אין איר שויס און זי וועט פון דיר טראָגעדיק ווערן און דיר געבוירן געראָטענע קינדער, וואָס וועלן נאָך דיין טויט נאָך דיר קדיש זאָגן און דיך ירש׳ענען. דערום פּרואוו דיך נישט קעגנשטעלן, נתן, דען אַזוי איז נגזר געוואָרן אין הימל, און אויב דו וועסט נישט טון דיין שליחות, וועסטו פאַר אַ שטראָף, חלילה, באַלד פאַרשניטן ווערן און רויזע טעמערל וועט סיי־ווי בלייבן אַן אַלמנה און וועסט אַרבן דאָס גיהנום.

ווען נתן האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער, איז ער זייער דערשראָקן געוואָרן, אַ שוידער איז אים אַריבער דורכן לייב, און ער האָט געזאָגט:

— אויב אַזוי, צו וואָס פאָר איך קיין לובלין? ליבער וועל איך הייסן אויסדרייען דעם דישעל און זיך אומקערן קיין פראַמפּאָל.

און איך האָב געענטפערט:

— ניין, נתן, צו וואָס דאַרפסטו לאָזן וויסן דיין ווייב וואָס דו וועסט טון? ווען זי וועט דערהערן דאָס דו ווילסט זי גט׳ן און זי פאַרבייטן אויף דער דינסט, וועט זי האָבן גרויס צער און זי קאָן, חלילה, נקמה נעמען אין דיר אָדער אין דער מויד. דו טו בעסער ווי שפרה צירל האָט דיך געראָטן. לאָז שרייבן אַ גט אין לובלין און לייג אים אַריין שטילערהייט אין דיין ווייב׳ס קופערט, און דורך דעם איז זי שוין אָפּגעג׳גט. דאַן זאָג איר, דאָס די דאָקטורים האָבן דיך געהייסן פאָרן קיין ווין אויף אַן אָפּעראַציע, דען דו האָסט אַן אָנוואוקס אין די געדערים, און איידער דו פאָרסט אַוועק, זאַמל צונויף דאָס גאַנצע געלט און צירונג און נעם עס מיט דיר. לאָז איבער דיין אשה בלויז דאָס הויז און די חפצים. ערשט ווען דו וועסט שוין זיין ווייט פון דער היים און שפרה צירל וועט זיין מיט דיר, לאָז וויסן רויזע טעמערלען, אַז זי איז אַ גרושה. אַזוי וועט אַלץ צוגיין אָן רעש. אָבער זום נישט, נתן, ווייל שפרה צירל וועט אויף דיר לאַנג נישט וואַרטן, און ווען זי וועט אַוועק מיט גאָרנישט, וועסטו, חלילה, געשטראָפט ווערן און אומקומען, און פאַרלירן ביידע וועלטן.

איך האָב גערעדט צו אים נאָך אַנדערע רייד, פרומע און אויסגעלאַסענע, און ווען ער איז פאַרטאָג־צו אַנטדרימלט געוואָרן, האָב איך געבראַכט צו אים שפרה צירלען אַ נאַקעטע און איך האָב אים אויך געוויזן דאָס געשטאַלט פון די קינדער, וואָס זי וועט פון אים געבוירן, אינגלעך און מיידלעך, מיט פאה׳לעך און צעפּלעך, און אים געלאָזט עסן אין דמיון די שפייזן, וואָס זי האָט פאַר אים צוגעגרייט, און זיי האָבן געהאַט דעם טעם פון גן־עדן. ער האָט אויפגעוואַכט פון די אַלע זעענישן אַן אויסגעהונגערטער, אַ פאַרצערטער פון גלוסטעניש. די פור האָט זיך גראַד דערנענטערט צו דער שטאָט און איז געבליבן שטיין ביי אַ האַרבעריק. מען האָט דאָרט געגעבן ר׳ נתנ׳ען אָנבייסן און אים אויסגעבעט אַ ווייך געלעגער, אָבער אין זיין גומען איז געבליבן דער טעם פון די כרעמזלעך, וואָס ער האָט פאַרזוכט אין חלום, און ער האָט ממש געשפּירט אויף די ליפּן שפרה צירל׳ס קושן. אַזאַ בענקשאַפט האָט אים אַרומגענומען, אַז ער האָט באַלד ווידער אָנגעטון דעם איבערציער און געזאָגט די לייט, אַז ער איילט צו טרעפן זיך מיט סוחרים.

## V

## *Forest Road*

Roise Temerl, when she returned from Janov and saw her husband, was badly frightened. His face was ashen; there were bags under his eyes; his beard, which until recently had been black, was now threaded with white; his stomach had become loose, and hung like a sack. Like one dangerously ill, he could barely drag his feet along. "Woe is me, even finer things than this are put in the grave!" she exclaimed. She began to question him, but since he could not tell her the truth, he said he was suffering from headaches, heartburn, stitches, and similar ailments. Roise Temerl, though she had looked forward to seeing her husband and had hoped to enjoy herself with him, ordered a carriage and horses and told him to see a doctor in Lublin. Filling a suitcase with cookies, jams, juices, and various other refreshments, she urged him not to spare money, but to find the best of doctors and to take all the medication he prescribed. Shifra Zirel, too, saw her master depart, escorting the carriage on foot as far as the bridge, and wishing him a speedy recovery.

Late at night, by the light of the full moon, while the carriage drove along a forest road and shadows ran ahead, I, the Evil Spirit, came to Reb Nathan and asked, "Where are you going?"

"Can't you see? To a doctor."

"Your ailment can't be cured by a doctor," I said.

"What shall I do then? Divorce my old wife?"

"Why not?" I said to him. "Did not Abraham drive his bondwoman, Hagar, into the wilderness, with nothing but a bottle of water, because he preferred Sarah? And later, did he not take Keturah and have six sons with her? Did not Moses, the teacher of all Jews, take, in addition to Zipporah, another wife from the land of Kush; and when Miriam, his sister, spoke against him, did she not become leprous? Know ye, Nathan, you are fated to have sons and daughters, and according to the law, you should have divorced Roise Temerl ten years after marrying her? Well, you may not leave the world without begetting children, and Heaven, therefore, has sent you Shifra Zirel to lie in your lap and become pregnant and bear healthy children, who after your death, will say Kaddish for you and will inherit your possessions. Therefore do not try to resist, Nathan, for such is the decree of Heaven, and if you do not execute it, you will be punished, you will die soon, and Roise Temerl will be a widow anyway and you will inherit hell."

Hearing these words, Nathan became frightened. Shuddering from head to foot, he said, "If so, why do I go to Lublin? I should, rather, order the driver to return to Frampol."

And I replied, "No, Nathan. Why tell your wife what you're about to do? When she learns you plan to divorce her and take the servant in her place, she will be greatly grieved, and may revenge herself on you or the servant. Rather follow the advice Shifra Zirel gave you. Get divorce papers in Lublin and place them secretly in your wife's dresses; this will make the divorce valid. Then tell her that doctors had advised you to go to Vienna for an operation since you have an internal growth. And before leaving, collect all the money and take it along with you, leaving your wife only the house and the furniture and her personal belongings. Only when you are far from home, and Shifra Zirel with you, you may inform Roise Temerl that she is a divorcee. In this way you will avoid scandal. But do not delay, Nathan, For Shifra Zirel won't tarry, and if she leaves you, you might be punished and perish and lose this world as well as the next."

I made more speeches, pious and impious, and at daybreak, when he fell asleep, I brought him Shifra Zirel, naked, and showed him the images of the children she would bear, male and female, with side whiskers and curls, and I made him eat imaginary dishes she had prepared for him: they tasted of Paradise. He awoke from these visions, famished, and consumed with desire. Approaching the city, the carriage stopped at an inn, where Nathan was served breakfast and a soft bed prepared for him. But on his palate there remained the savor of the pancake he had tasted in his dream. And on his lips he could almost feel Shifra Zirel's kisses. Overcome with longing, he put on his coat again, and told his hosts he must hurry to meet merchants.

אין אמת'ן האָב איך אים אַוועקגעפירט אין אַ הינטער־גאַס, וואו עס האָט געוואוינט אַ גייציקער סופר, אַ רמאי, און יענער האָט אים פאַר פינף גילדוינים געשריבן אַ גט און געלאָזט חתמ'נען עדות, אַלץ כדת וכדין. דערנאָך האָט ר' נתן איינגעקויפט ביי אַן אַפּטייקער אַלערליי פלעשלעך און פילן און זיך אומגעקערט קיין פראַמפּאָל. ער האָט דער־ציילט זיין ווייב, אַז ער האָט זיך געלאָזט באַטראַכטן פון דריי רופאים און אַלע האָבן געפונען, אַז ער האָט אַ געשוויר אין די געדערים, און אַז ער מוז תיכף פאָרן קיין ווין צו די גרויסע דאָקטוירים, ווען נישט, וועט ער נישט אויסלעבן דאָס יאָר. רויזע טעמערל איז דערציטערט געוואָרן פון דער דאָזיקער שמועה און זי האָט געזאָגט: וואָס פאַר אַ ווערט האָט געלט? דיין געזונט איז ביי מיר בילכער. זי האָט געוואָלט מיט אים מיטפאָרן, אָבער ר' נתן האָט זיך געקליגט און געטענה'ט: די נסיעה וועט קאָסטן טאָפּלט און דערצו וועט אונזער האָב־און־גוטס בלייבן אויף הפקר. ניין, דו בלייב דאָ, און מערטשישעם, ווען אַלץ וועט אַריבער בשלום, וועל איך מיך אומקערן און מיר וועלן זיך פרייען. בקיצור, רויזע טעמערל האָט איינגעזען, אַז ער איז גערעכט און זי האָט איינגעוויליקט.

אין דער אייגענער נאַכט, ווען רויזע טעמערל איז אַנטשלאָפן גע־וואָרן, איז ר' נתן אַראָפּ פון זיין הימל־בעט און האָט שטילערהייט אַריינגעלייגט דעם גט אין איר קופערט. ער איז אויך אַוועק צו שפרה־צירלען אין קאַמער און איר געלאָזט וויסן וואָס ער האָט געטון. שפרה צירל האָט אים גענומען קושן און האַלדזן און אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיין אַ גוט ווייב און אַ געטרייע מאַמע צו זיינע קינדער. און אין איר האַרץ האָט זי געשפעט אויס אים און געטראַכט: דו אַלטע בהמה, האָסט דיך איינגעליבט אין אַ הור און ס'וועט דיך טייער קאָסטן...

און דאָ הויבט זיך אָן די מעשה ווי אַזוי איך און מיין כת האָבן געבראַכט דעם אַלטן בעל־עבירה, נתן יוזעפאָווער, דערצו ער זאָל ווערן אַ רואה ואינו נראה, און אַז זיינע ביינער זאָלן קיינמאָל נישט קומען צו קבר ישראל, וואָס דאָס איז די שטראָף פאַר די יעניקע, וואָס האָבן פוגם געווען אין אות ברית קודש.

## קאַפּיטל זעקס

אַ יאָר איז אַריבער. רויזע טעמערל האָט שוין געהאַט אַ צווייטן מאַן. זי איז געווען דאָס ווייב פון אַ פראַמפּאָלער תבואה־סוחר, ר' משה מעכעלעס, וואָס איז גראָד געוואָרן אַן אלמן, ווען זי איז געוואָרן אַ גרושה. ר' משה מעכעלעס איז געווען אַ קליין אידל מיט אַ רויטער פאַרקאַלטנטער באָרד און מיט געדיכטע רויטע ברעמען, וואָס ס'האָבן פון הינטער זיי אַפּערגעקוקט אַ פּאָר געלע שפּיזלדיקע אייגעלעך. ער האָט געפירט מחלוקת מיט'ן פראַמפּאָלער רב, געלייגט צוויי פּאָר תפילין און געהאַט זיין אייגנס אַ וואַסער־מיל. ער איז אַלע מאָל געווען ווייס פון דעם מעל־שטויב, וואָס איז אויף אים געלעגן. דער איד איז געווען אַן אָנגע־שטאָפּטער נגיד נאָך פון פריער, און ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט רויזע טעמערלען און איבערגענומען איר שפּייכלער און אירע קונים, איז ער געוואָרן אַ גביר אדיר.

וואָרום האָט רויזע טעמערל מיט אים חתונה געהאַט? ערשטנס, האָבן מענטשן זיך אַריינגעלייגט. צווייטנס, איז זי נעבעך געווען עלנט און זי האָט געמיינט, אַז אַן אַנדערער מאַן קאָן איר כאָטש אַביסל פאַרבייטן נתנ'ען. דריטנס, האָב איך, דעם ס"ם, געדאַרפט דעם שידוך פאַר מיינע מזימות. נו, האָט זי איינגעזען, אַז זי האָט געהאַט אַ טעות. ר' משה מעכעלעס האָט געהאַט משונה'דיקע גענג. זי האָט אים געפּרוּווט קעכלען, וואָרום ער איז געווען אַ דאַרער, נאָר ער האָט נישט געוואָלט אָנרירן אירע קרעפּלעך, פאַנקוכנס און הינדלעך. ער האָט ליב געהאַט ברויט מיט קנאָבל, קאַרטאָפל אין די שאָלן, ציבעלעס מיט רעטעך און איינמאָל אין טאָג אַ שטיקל דאַר רינדערן פלייש. זיין פאַרשמאָדערטע קאַפּאָטע איז אַלעמאָל געווען צעהעקלט, די פּלודערן האָט ער אַרומגע־בונדן מיט אַ בענדל. ער האָט נישט געוואָלט גיין אין באָד, וואָס רויזע טעמערל האָט געלאָזט אויסהייצן, און זי האָט אים געמוזט טרייבן, ער זאָל איבערטון אַ העמד אָדער אַ פּאָר תחתונים. דערצו איז ער זעלטן געווען אין שטוב: אָדער ער איז געווען אונטערוועגנס, אָדער ער האָט זיך גע'קהל'ט אויף אסיפות. ביינאַכט איז ער געגאַנגען שלאָפן שפּעט און ער האָט געקרעכצט און געברומט אויפ'ן געלעגער. אויפגעשטאַנען איז ער צוגלייך מיטן מאָרגנשטערן, און ער האָט גלייך אָנגעהויבן זשומען ווי אַ בין. אויבוואויל רויזע טעמערל איז שוין געווען נאָענט צו די זעכציק, האָט זי נאָך אַלץ נישט פיינט געהאַט וואָס אַנדערע האָבן ליב, אָבער ר' משה מעכעלעס איז זעלטן געקומען צו איר און ס'איז וואַרהאַפטיק געווען ווי אַ שד וואָלט אים געגנוט. בקיצור, די אשה האָט געזען, אַז זי איז אַריינגעפאַלן, אָבער וואָס האָט זי געקענט טון? האָט זי אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און געשוויגן.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג (ס'איז געווען אלול־צו), ווען רויזע טעמערל איז אַרויס אין הויף אויסגיסן דאָס פאָמעשאַף, האָט זי דערזען אַן אויס־טערליש זעעניש. די אשה האָט געטון אַ געשריי און דאָס פאָמעשאַף איז אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט און זיך אויסגעגאָסן פאַר אירע פיס. אַ פיר איילן ווייט פון איר איז געשטאַנען נתן, איר געוועזענער מאַן. ער איז געווען אָנגעטון ווי אַ בעטלער, אין אַ צעריסענעם קאַפּטאַן אַרומגעוויקלט מיט אַ שטריק, אין שקראַבעס און אין אַן אונטערשלאַק פון אַ היטל. זיין פּנים, וואָס איז אַמאָל געווען רויט, איז איצט געווען געל. די וואָרצ־לען באָרד זיינען געווען גרוי. אונטער די אויגן האָבן נאָכגעהאַנגען קי־שעלעך און טאָרבעס. ער האָט אָנגעקוקט רויזע טעמערלען פון הינטער די צעשויבערטע ברעמען מיט אַ פאַרלאָשענעם בליק. אַ ווייל איז רויזע טעמערלען איינגעפאַלן, אַז ער איז שוין געשטאָרבן און אַז ס'האָט זיך צו איר באַוויזן זיין געשטאַלט. זי האָט שוין געוואָלט אַ רוף טון: מת טהור, גיי דיר אין דיין רו אַריין. אָבער מחמת ס'איז נאָך געווען העלער טאָג, איז זי באַלד געקומען צו זיך און האָט אַ פרעג געטאָן מיט אַ ציטערנדיק קול:

— נאַרן מיך נישט די אויגן?

In a back alley where I led him, he discovered a miserly scribe, who for five gulden, wrote the divorce papers and had them signed by witnesses, as required by law. Then Nathan, after purchasing numerous bottles and pills from an apothecary, returned to Frampol. He told his wife he had been examined by three doctors, that they had all found he had a tumor in his stomach, and that he must go at once to Vienna to be treated by great specialists or he would not last the year. Shaken by the story, Roise Temerl said, "What's money? Your health means far more to me." She wanted to accompany him, but Nathan reasoned with her and argued, "The trip will cost double; moreover, our business here must be looked after. No, stay here, and God willing, if everything goes well, I'll be back, we'll be happy together." To make a long story short, Roise Temerl agreed with him and stayed.

The same night, after Roise Temerl had fallen asleep, Nathan rose from bed and quietly placed the divorce papers in her trunk. He also visited Shifra Zirel in her room to inform her of what he had done. Kissing and embracing him, she promised to be a good wife and faithful mother to his children. But in her heart, jeering, she thought: You old fool, you'll pay dearly for falling in love with a whore.

And now starts the story of how I and my companions forced the old sinner, Nathan Jozefover, to become a man who sees without being seen, so that his bones would never be properly buried, which is the penalty for lechery.

## VI
### *Nathan Returns*

A year passed, Roise Temerl now had a second husband, having married a Frampol grain dealer, Moshe Mecheles, who had lost his wife at the same time as she had been divorced. Moshe Mecheles was a small red-bearded man, with heavy red eyebrows and piercing yellow eyes. He often disputed with the Frampol rabbi, put on two pairs of phylacteries while praying, and owned a water mill. He was always covered with white flour dust. He had been rich before, and after his marriage to Roise Temerl, he took over her granaries and customers and became a magnate.

Whv had Roise Temerl married him? For one thing, other people intervened. Secondly, she was lonely, and thought that another husband might at least partially replace Nathan. Third, I, the Seducer, had my own reasons for wanting her married. Well, after marrying, she realized she had made a mistake. Moshe Mecheles had odd ways. He was thin, and she tried to fatten him, but he would not touch her dumplings, pancakes, and chickens. He preferred bread with garlic, potatoes in their skins, onions and radishes, and once a day, a piece of lean boiled beef. His stained caftan was never buttoned; he wore a string to hold up his trousers, refused to go to the bath Roise Temerl would heat for him, and had to be forced to change a shirt or a pair of underpants. Moreover he was rarely at home; he either traveled for business or attended community meetings. He went to sleep late, and groaned and snored in his bed. When the sun rose, so did Moshe Mecheles, humming like a bee. Although close to sixty, Roise Temerl still did not disdain what others like, but Moshe Mecheles came to her rarely, and then it was only a question of duty. The woman finally conceded that she had blundered, but what could be done? She swallowed her pride and suffered silently.

One afternoon around Elul time, when Roise Temerl went to the yard to pour out the slops, she saw a strange figure. She cried out; the basin fell from her hands, the slops spilled at her feet. Ten paces away stood Nathan, her former husband. He was dressed like a beggar, his caftan torn, a piece of rope around his loins, his shoes in shreds, and on his head only the lining of a cap. His once pink face was now yellow, and the clumps of his beard were gray; pouches hung from his eyes. From his disheveled eyebrows he stared at Roise Temerl. For a moment it occurred to her that he must have died, and this was his ghost before her. She almost called out: Pure Soul, return to your place of rest! But since this was happening in broad daylight, she soon recovered from her shock and asked in a trembling voice: "Do my eyes deceive me?"

— יאָ, האָט נתן געענטפערט, — דאָס בין איך.

אַ לאַנגע ווײַלע זײַנען די געוועזענע מאַן־און־ווײַב געשטאַנען און זיך אָנגעקוקט שטומערהייט. רויזע טעמערל איז אַזוי מבולבל געוואָרן, דאָס זי האָט פֿאַרלוירן דאָס לשון. די פֿיס האָבן זיך אַ שטרויכל געטון אונטער איר און זי האָט זיך געמוזט אָנכאַפּן אָן אַ שטאַם פֿון אַ בוים, נישט אומצופֿאַלן.

— ווײ, וואָס פֿון דיר איז געוואָרן!... האָט זי זיך אָנגערופֿן.

— דײַן מאַן איז אין דער היים? — האָט נתן געפֿרעגט.

— מײַן מאַן? — האָט זי צוריקגעפֿרעגט אַ געפּלעפּטע — ניין...

רויזע טעמערל האָט געוואָלט אים אַרײַנבעטן אין שטוב, אָבער זי האָט זיך דערמאָנט, אַז לויט דעם דין טאָר זי נישט בלײַבן מיט אים אונטער איין דאַך. זי האָט מורא געהאַט, אַז די דינסט וועט אים דער־קענען. זי האָט זיך אָנגעבויגן און אויפֿגעהויבן דאָס פֿאַמעשאַף.

— וואָס האָט געטראָפֿן? — האָט זי געפֿרעגט.

נתן האָט איר דערציילט אין אָפּגעהאַקטע ווערטער, אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיט שפֿרה־צירלען אין לובלין, מיט איר חתונה געהאַט, און זי האָט אים אָנגערעדט ער זאָל פֿאָרן מיט איר קיין אונגאַרן, צו אירע קרובים. אין אַן אכסניא, בײַ דער גרענעץ, האָט די נקבה אים באַ׳גנבֿ׳עט און איז אַנטרונען. זי האָט אַפֿילו די מלבושים בײַ אים צוגענומען. פֿון דאַמאָלס אָן האָט ער געוואַנדערט איבער דער מדינה, גענעכטיקט אין הקדשים און איז אויך געגאַנגען מיט אַ טאָרבע איבער די הײַזער. אין אָנהויב האָט ער געמיינט, אַז ער וועט אַרויסנעמען אַ היתר ממאה רבנים און ווידער חתונה האָבן מיט איר, רויזע טעמערלען. ער האָט זיך דעריבער געלאָזט אויפֿן וועג קיין פֿראַמפּאָל. נו, האָט ער אָבער געהערט, אַז זי, רויזע טעמערל, האָט חתונה געהאַט, און ער איז געקומען בעטן בײַ איר מחילה...

רויזע טעמערל האָט אים אָנגעקוקט און נישט געגלויבט די אייגענע אויגן. ער האָט אָנגעשפּאַרט די האַנט אויף אַ קרומען שטעקן, ווי גע־ווײנלעך אַ מדינה־גייער, און נישט אויפֿגעהויבן צו איר דעם בליק. בינטלעך האָר האָבן אַרויסגעשטאַרצט פֿון זײַנע אויערן און נאָז־לעכער. פֿון איין ריס אין זײַן טוזליק האָט אַפּערגעקוקט די זאַק־לײַוונט, פֿון דעם אַנדערן — דאָס בלויזע לײַב. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז אין דעם יאָר געוואָרן קלענער אין וואוקס.

— האָט דיר עמעץ פֿון שטאָט־לײַט געזען? — האָט זי געפֿרעגט.

— ניין, — האָט ער געענטפֿערט, — איך בין געקומען מיט די פֿעלדער.

— אומגליק מײַנס, וואָס זאָל איך איצט טון מיט דיר? — האָט זי געוופֿן. — איך בין אַן אשת־איש.

— כ׳וויל פֿון דיר גאָרנישט, — האָט נתן דערווידערט. — זײַ געזונט.

— לויף נישט! — האָט רויזע טעמערל אַ געשריי געטאָן. — פֿינצטער מזל מײַנס!...

זי האָט פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט בײדע הענט און גענומען שלוכצן. נתן האָט זיך אָפּגערוקט אויף הינטערווײלעכץ.

— באַוויין מיך נישט — האָט ער זיך אָנגערופֿן. — איך בין נאָך נישט געשטאָרבן.

— הלוואַי וואָלסטו געשטאָרבן, — האָט זי אָפּגעענטפֿערט, — וואָלט מיר ווײלער געווען.

נו, האָב איך, דער שטן המשחית, נאָך נישט געהאַט געטון אַלע מײַנע הינטערליסטיקייטן. די וואָגשאָל פֿון עבֿירות און שטראָף איז נאָך נישט געווען אין משקל. איך האָב מיך דעריבער געפֿעדערט און גענומען רעדן צו דער אשה מיטן נוסח פֿון אַ בעל־רחמים, דען ס׳איז באַקאַנט, דאָס דערבאַרימדיקייט, גלײַך ווי יעדער אַנדערע מידה, קאָן זײַן אַזוי גוט מסיטרא דשמאלא ווי מסיטרא דימינא. רויזע טעמערל, האָב איך געזאָגט, ער איז דײַן מאַן, דו האָסט מיט אים געלעבט קנאַפּע פֿופֿציק יאָר און דו קאָנסט אים איצט, אין זײַן געפֿאַלנקייט, נישט פֿאַרשטויסן. און ווען זי האָט געפֿרעגט: וואָס זאָל איך טון? איך קען דאָך דאָ נישט שטיין און מאַכן פֿון מיר ס׳לייטישע געלעכטער, — האָב איך איר געגעבן אַ פֿאָרטל. זי האָט אַ ציטער געטון און אויפֿגעהויבן דעם בליק. זי האָט געגעבן נתנ׳ען אַ צייכן, ער זאָל איר נאָכגיין, און ער האָט אַן אונטערטעניקער גענומען קריכן אין אירע פֿוס־טריט, ווי געוויינלעך אַן ארחי־פּרחי, וואָס טוט אַלץ וואָס די באַלעבאָסטע הייסט אים.

## קאַפּיטל זיבן

אין הויף, הינטערן שפּײַכלער, נישט ווייט פֿון באָד, איז געשטאַנען אַ חורבה. מיט יאָרן צוריק האָבן דאָרט געוווינט רויזע טעמערל׳ס טאַטע־מאַמע. איצט איז דאָס געבײַ געשטאַנען ליידיק. די אונטערשטע פֿענצטער זענען געווען פֿאַרקלאַפּט מיט ברעטער. אויפֿן גאָרן זענען נאָך געבליבן עטלעכע גאַנצע חדרים. אויפֿן דאַך האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן טויבן. אונטער דער רינע האָבן שוואַלבן געבויט נעסטן. אין קוימען האָט געשטעקט אַן אויסגעריבענער בעזים. ר׳ נתן האָט וויפֿל מאָל געהאַט גערעדט, אַז מ׳דאַרף די מויער אײַנלייגן, אָבער רויזע טעמערל האָט גע׳טענה׳ט, אַז ווי לאַנג זי לעבט וועט זי דאָס הויז פֿון אירע עלטערן נישט אײַנוואַרפֿן. אויפֿן בוידעם האָט זיך געוואַלגערט אַלטוואַרג און שמות. חדר־אינגלעך האָבן פֿאַרציילט אַז אין מיטן דער נאַכט לייכט זיך

"No," said Nathan. "It is I."

For a long time husband and wife stood silently gazing at each other. Roise Temerl was so stunned that she could not speak. Her legs began to shake, and she had to hold on to a tree to keep from falling.

"Woe is me, what has become of you?" she cried.

"Is your husband at home?" Nathan asked.

"My husband?" she was bewildered, "No . . ."

About to ask him in, Roise Temerl remembered that according to law, she was not permitted to stay under the same roof with him. Also, she feared that the servant might recognize him. Bending, she picked up the slop basin.

"What happened?" she asked.

Haltingly, Nathan told her how he had met Shifra Zirel in Lublin, married her, and been persuaded by her to go to her relatives in Hungary. At an inn near the border, she deserted him, stealing everything, even his clothes. Since then, he had wandered all over the country, slept in poorhouses, and like a beggar, made the rounds of private homes. At first he had thought he would obtain a writ signed by one hundred rabbis, enabling him to remarry, and he had set out for Frampol. Then he had learned that Roise Temerl had married again, and he had come to beg her forgiveness.

Unable to believe her eyes, Roise Temerl kept staring at him. Leaning on his crooked stick, as a beggar might, he never lifted his eyes. From his ears and nostrils, thatches of hair protruded. Through his torn coat, she saw the sackcloth, and through a slit in it, his flesh. He seemed to have grown smaller.

"Have any of the townspeople seen you?" she asked.

"No. I came through the fields."

"Woe is me. What can I do with you now?" she exclaimed. "I am married."

"I don't want anything from you," Nathan said. "Farewell."

"Don't go!" Roise Temerl said. "Oh, how unlucky I am!"

Covering her face with her hands, she began to sob. Nathan moved aside.

"Don't mourn for me," he said. "I haven't died yet."

"I wish you had," she replied. "I'd be happier."

Well, I, the Destroyer, had not yet tried all my insidious tricks. The scale of sins and punishment was not yet balanced. Therefore, in a vigorous move, I spoke to the woman in the language of compassion, for it is known that compassion, like any other sentiment, can serve evil as well as good purposes. Roise Temerl, I said, he is your husband; you lived with him for fifty years, and you cannot repudiate him, now that he has fallen. And when she asked, "What shall I do? After all, I cannot stand here and expose myself to derision," I made a suggestion. She trembled, raised her eyes, and beckoned Nathan to follow her. Submissively, he walked behind her, like any poor visitor who does everything that the lady of the house tells him to do.

## VII
### *The Secret of the Ruin*

In the yard, behind the granary, near the bathhouse, stood a ruin in which many years before, Roise Temerl's parents had lived. It was unoccupied now, its ground floor windows boarded, but on the second floor there were still a few well-preserved rooms. Pigeons perched on the roof, and swallows had nested under the gutter. A worn broom had been stuck in the chimney. Nathan had often said the building should be razed, but Roise Temerl had insisted that while she was alive her parents' home would not be demolished. The attic was littered with old rubbish and rags. Schoolboys said that a light emanated from the ruin at

אין דער חורבה, און אַז אין קעלער האָבן זיך באַזעצט רוחות. איצט האָט רויזע טעמערל געפירט אַהין נתנ׳ען. ס׳איז נישט אָנגעקומען גרינג צו דערגרייכן דאָס מפולת. דער שטעג איז געוואָרן באַוואַקסן מיט שטעכעכץ און בריעכץ. די דערנער האָבן אָנגעכאַפּט רויזע טעמערל׳ס פאַלעס ווי מיט נעגל. מױלוואָרפן האָבן דאָ אָנגעגראָבן בערגלעך. די אָפענע טיר איז געווען געדיכט פאַרצוימט מיט שפינגעוועבן. רויזע טעמערל האָט אויפגעהויבן אַ פוילע צווייג און דאָס אָפּגערוימט. די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אַרויף, האָבן זיך געשאָקלט. דאָס געלענדער האָט זיך געוואָקלט. מחמת די פיס זײנען איר געווען שווער, האָט רויזע טעמערל אַ ווייל זיך אָנגעשפּאַרט אָן נתנ׳ס עלנבויגן. אַ געדיכטער שטויב האָט זיך אַ הויב געטאָן, און נתן האָט גענומען הוסטן און ניסן.

— וואוהין פירסטו מיך? — האָט ער געפרעגט אַ פאַרבליפטער.

— האָב נישט קיין פחד, — האָט רויזע טעמערל געענטפערט. — ס׳עט שוין זיין רעכט.

זי האָט אים איבערגעלאָזט אין דער חורבה און זיך אומגעקערט אין איר הויז. דאָרטן האָט זי געלאָזט וויסן דער דינסט, אַז זי קאָן אַהיימגיין און זיך זוימען ביז שפּעט. די מויד האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. ווען זי איז אַוועק, האָט רויזע טעמערל געעפנט די אַלמער, וואו ס׳זיינען נאָך געהאַנגען נתנ׳ס מלבושים, אַרויסגענומען פון דער קאָמאָדע זיינע וועש און דאָס אַריבערגעטראָגן אין דער חורבה. באַלד איז זי ווידער אַוועק און געבראַכט אים אין אַ קויבער אַ מאָלצייט פון קאַשע מיט געדושעכץ, גריישל מיט קעלבערנע פיסלעך, חלה און פלוימען־צימעס. נתן איז געווען אַזוי הונגעריק, אַז ער האָט איר אפילו נישט געזאָגט קיין יישר־כח. נאָכדעם ווי ער האָט אַריינגערוקט דאָס נאָכטמאָל און אויסגענויגט די פלוימען־יויך ביזן דנאָ, האָט רויזע טעמערל אָנגעשעפּט אַן עמער וואַסער פון ברונעם און אים געהייסן, ער זאָל אַריינגיין אין אַ צווייט חדר און זיך דאָרט אָפּוואַשן. די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן, אָבער דער בין־השמשות האָט לאַנג געדעמערט. נתן האָט געטון ווי רויזע טעמערל האָט באַפוילן און זי האָט געהערט, ווי ער האָט אין דעם אַנדערן חדר זיך געפּליוסקעט און געזיפצט. דערנאָך האָט ער אָנגעטון ריינע מלבושים. אַ פולע לבנה האָט אַריינגעשיינט אין פענצטער און ס׳איז געווען ליכטיק, ווי בייטאָג. אין דעם קלאָרן העמד, אין דעם שלאָפראָק, וואָס איז געווען אויסגעשטיקט מיט בלומען און בלעטער, אין דער זיידענער יאַרמולקע און די סאַמעטענע שטעקשיך, האָט נתן ווידער אויסגעזען דער אייגענער וואָס אַ מאָל. רויזע טעמערל האָט גענומען גיסן מיט טרערן, ווען זי האָט אויף אים אַ קוק געטון.

מחמת משה מעכעלעס איז געווען אונטערוועגנס, האָט רויזע טעמערל געהאַט גענוג צייט. זי איז פונסניי אַוועק צו זיך אַהיים און געבראַכט מיט זיך בעטגעוואַנט. אַ בעט איז דאָ געשטאַנען. מ׳האָט בלויז באַדאַרפט אַריינפּאַסן ברעטלעך. אַזוי ווי אָנצינדן אַ ליכט האָט רויזע טעמערל נישט געוואָלט, וואָרום עמעץ האָט געקענט דערזען די שיין, האָט זי זיך געפּאָרעט אין דער טונקל. זי איז אַריין צוזאַמען מיט נתנ׳ען אויפן בוידעם און בלינדערהייט (אָדער מיט קאַצענע אויגן) געפונען לייסטלעך. דערנאָך האָט זי אויסגעשפּרייט אַן אונטער־דעק, אַ ליילעך, אַ קאָלדרע און אַ פוכן קישן. זי האָט אפילו נישט פאַרגעסן מיטצוברענגען אַ קריגל מילך און אַ בעקן קיכלעך, אַז נתן זאָל זיך דערקוויקן פאַרן שלאָפן־גיין. ערשט דאַן האָט די אשה זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ הינקענדיק בענקל און זיך אָפּגערוט. נתן האָט זיך צוגעזעצט אויפ׳ן ברעג בעט.

— וואָס איז די פעולה — האָט ער צום סוף זיך אָנגערופן. — מאָרגן מוז איך גיין ווייטער.

— וואָרום מאָרגן? — האָט רויזע טעמערל געפרעגט. — רו דיך אָפּ. ס׳הקדש וועט דיר נישט אַנטלויפן.

זיי זיינען געזעסן ביז שפּעט און גערעדט און געמורמלט. רויזע טעמערל האָט געוויינט און אויפגעהערט; פונסניי אָנגעהויבן און ווידער איינגעשטילט געוואָרן. זי האָט פאַרלאַנגט, אַז נתן זאָל איר אַלץ מודה זיין, גאָרנישט לייקענען, און ער האָט איר נאָכאַמאָל דערציילט ווי ער האָט זיך געטראָפן מיט שפרה צירל׳ען, ווי זיי האָבן חופּה געשטעלט, ווי זי האָט אים אָנגערעדט, ער זאָל פאָרן מיט איר קיין פּרעשבורג, און ווי זי האָט פאַרבראַכט מיט אים אין איינפאָר־הויז אַ נאַכט פול מיט גוטע רייד און ליבעניש, און פאַרטאָג, ווען ער איז איינגעשלאָפן, איז זי אויפגעשטאַנען און אָפּגעבונדן אים דאָס טאָרבעלע פון האַלדז. ער האָט אויך איבערגעגעבן, ווי ער האָט געמוזט אויסטון דאָס שעם־היטל און זיך וואַלגערן אין הכנסת־אורחים־שטובן און עסן ביי פרעמדע טישן. אויבוואויל זיינע רייד האָבן זי דערצערנט און זי האָט אים אָנגערופן אָקס, אייזל, תם, לעקיש, — איז איר האַרץ ממש צעגאַנגען פון רחמנות.

— וואָס טוט מען איצט? — האָט זי צו זיך אַליין געמורמלט אָבעראַמאָל און ווידער־אַמאָל, און איך, דער יצר־הרע, האָב געענטפערט: לאָז אים נישט אַוועקגיין. דאָס בעטל־ברויט איז נישט פאַר זיינסגאַל. ער וועט, חלילה, אומקומען פון צער און שאַנד. און ווען רויזע טעמערל האָט געטענה׳ט דאָס זי טאָר מיט אים נישט פאַרברענגען, ווייל זי איז אַן אשת־איש, האָב איך געזאָגט: קאָנען דען די צוועלף שורות פון אַ גט אָפּזונדערן צוויי נשמות, וואָס פופציק יאָר האָבן דערנעענטערט? איז דען פאַראַן אַזאַ דין, וואָס זאָל פאַרוואַנדלען אַ ברודער און אַ שוועסטער אין פרעמדע? איז דיר נישט נתן איינגעבאַקן אין האַרץ? זעסטו אים נישט אין חלום

midnight, and that demons lived in the cellar. Roise Temerl led Nathan there now. It was not easy to enter the ruin. Weeds that pricked and burned obstructed the path. Roise Temerl's skirt caught on thorns sharp as nails. Little molehills were everywhere. A heavy curtain of cobwebs barred the open doorway. Roise Temerl swept them away with a rotten branch. The stairs were rickety. Her legs were heavy and she had to lean on Nathan's arm. A thick cloud of dust arose, and Nathan began to sneeze and cough.

"Where are you taking me?" he asked, bewildered.

"Don't be afraid," Roise Temerl said. "It's all right."

Leaving him in the ruin, she returned to the house. She told the servant to take the rest of the day off, and the servant did not have to be told twice. When she had gone, Roise Temerl opened the cabinets that were still filled with Nathan's clothes, took his linen from the chest, and brought everything to the ruin. Once more she left, and when she returned it was with a basket containing a meal of rice and pot roast, tripe with calves' feet, white bread, and stewed prunes. After he had gobbled his supper and licked off the prune plate, Roise Temerl drew a bucket of water from the well and told him to go to another room to wash. Night was falling, but the twilight lingered a long time. Nathan did as Roise Temerl instructed, and she could hear him splash and sigh in the next room. Then he changed his clothes. When Roise Temerl saw him, tears streamed from her eyes. The full moon that shone through the window made the room bright as daylight, and Nathan, in a clean shirt, his dressing gown embroidered with leaves and flowers, in his silken cap and velvet slippers, once again seemed his former self.

Moshe Mecheles happened to be out of town, and Roise Temerl was in no hurry. She went again to the house and returned with bedding. The bed only needed to be fitted with boards. Not wanting to light a candle, lest someone notice the glow, Roise Temerl went about in the dark, climbed to the attic with Nathan, and groped until she found some old slats for the bed. Then she placed a mattress, sheets, and pillow on it. She had even remembered to bring some jam and a box of cookies so that Nathan could refresh himself before going to sleep. Only then did she sit down on the unsteady stool to rest. Nathan sat on the edge of the bed.

After a long silence, he said, "What's the use? Tomorrow I must leave."

"Why tomorrow?" said Roise Temerl. "Rest up. There's always time to rot in the poorhouse."

Late into the night they sat, talking, murmuring. Roise Temerl cried and stopped crying, began again and was calm again. She insisted that Nathan confess everything to her, without omitting details, and he told her again how he had met Shifra Zirel, how they had married, how she had persuaded him to go with her to Pressburg, and how she had spent the night full of sweet talk and love play with him at an inn. And at daybreak, when he fell asleep, she had arisen and untied the bag from his neck. He also told Roise Temerl how he had been forced to discard all shame, to sleep in beggars' dormitories, and eat at strangers' tables. Although his story angered her, and she called him blockhead, stupid fool, ass, idiot, her heart almost dissolved with pity.

"What is there to do now?" she kept murmuring to herself, over and over again. And I, the Evil Spirit, answered: Don't let him go. The beggar's life is not for him. He might die of grief or shame. And when Roise Temerl argued that because she was a married woman she had no right to stay with him, I said: Can the twelve lines of a bill of divorcement separate two souls who have been fused by fifty years of common life? Can a brother and sister be transformed by law into strangers? Hasn't Nathan become part of you? Don't you see him every night in your dreams? Isn't all your fortune the result of his industry and effort?

יעדע נאַכט? האָט ער נישט מיט זיין מי און פלייס אויפגעשטעלט דאָס גאַנצע פאַרמעגן? און וואָס איז משה מעכעלעס? אַ פרעמדער און אַ שטינקער. כ׳לעבן, ס׳איז גלייכער זיך צו פּרעגלען מיט נתנ׳ען אין גיהנום, ווי צו זיין ביי משה מעכעלעס אַ פיסנבענקעלע אין גן־עדן. איך האָב איר דערמאָנט אַ פּאַסירונג פון אַ מעשה־ביכל, פון אַ פּריץ, וואָס די פּריצה איז פון אים אַנטלאָפן מיט אַ בערן־טרייבער, און ווי ער האָט איר דערנאָך מוחל געווען און זי צוריקגענומען אין שלאָס אַריין. ווען דער זייגער אין שטאָטישן קלויסטער האָט אויסגעקלונגען עלף, איז רויזע טעמערל אַוועק צוריק אַהיים. זי האָט זיך געלייגט אין איר הימל־בעט, אָבער ס׳האָט זי געוואָרפן ווי אין פיבער. נתן איז לאַנג געשטאַנען ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט. דער אלול׳דיקער הימל איז געווען פול מיט שטערן. די סאָווע אויפן שול־דאַך האָט געהוילט מיט אַ מענטשלעך קול. דאָס מיאַוקען פון קעץ האָט דערמאָנט אין די יאָמערנישן פון קינפּעט־טאָרינס אין זייערע ווייען. גרילן האָבן געגרילצט און ס׳האָט זיך געדוכט גלייך פאַרבאָרגענע זעגן וואָלטן געזעגט די שטאַמען פון די בוימער. פון די פעלדער האָט זיך געהערט דאָס הירזשען פון פערד, וואָס פּאַשען זיך אַ גאַנצע נאַכט, און די שאַלנדיקע געשרייען פון פּאַסטוכער. מחמת דער גאָרן איז געווען הויך, האָט נתן געקענט זען דאָס גאַנצע שטעטל ווי אויף דער האַנט: די שול, און להבדיל, די תיפלה, די שעכט־יאַטקע און דאָס באָד, דעם מאַרק און די זייטיקע געסלעך, וואו ס׳וואוינען גויים. ער האָט דערקענט אין זיין אייגענעם הויף יעדעס שטעלכל, קעמערל און ברעטל. אַ ציג האָט געשיילט די קאָרע פון האָלץ. אַ פעלד־מויז איז אַרויס פון שפּייכלער און זיך אומגעקערט אין איר נאָרע. נתן איז לאַנג געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער. אַלץ אַרום איז געווען סיי היימיש, סיי פרעמד, סיי ממשות׳דיק און סיי אָן האַפט. ווי ער וואָלט מער נישט געווען צווישן די לעבעדיקע, נאָר זיין רוח וואָלט דאָ אַרומגעשוועבט. לשון־קודש׳דיקע ווערטער זענען אים געקומען אויפן זין און געבליבן הענגען אויפן שפּיץ־צונג. נאָך לאַנגער מי האָט ער זיך דערמאָנט: ער איז געווען — אַ רואה ואינו נראה.

## קאַפּיטל אכט

אין פראַמפּאָל האָט זיך פאַרשפּרייט די שמועה, אַז רויזע טעמערל האָט זיך צעקריגט מיט דער דינסט און זי אַרויסגעטריבן אין מיטן זמן. די ווייבער זענען געווען פאַרוואונדערט, וואָרום די מויד האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ פלייסיקער און אַ לייטישער. דער אמת איז געווען, אַז רויזע טעמערל האָט זי אייגנס אָפּגעשאַפט, זי זאָל זיך נישט דערוויסן איר סוד: אַז נתן, איר ערשטער מאַן האַלט זיך אויף אין דער חורבה. ווי געוויינלעך, ווען איך, דעם ס״ם, רעד אָן די לייט צו זינד, האָב איך איינגעשמועסט דעם פּאָרל, דאָס אַלץ ווערט געטון אויף דערווייל, ביז נתן וועט זיך אָפּרוען פון זיינע וואָגלענישן און קומען צו זיך. נו, האָב איך אָבער געזען, אַז רויזע טעמערלען זאָל זיין אָנגעלייגט דער פאַרבאָרגענער גאַסט און אַז נתנ׳ען זאָל וואוילגעפעלן זיין מקום־מנוחה. אויבוואויל זיי האָבן יעדעס מאָל פונסניי גערעדט, אַז זיי וועלן באַלד זיך מוזן שיידן, האָט רויזע טעמערל איינגעריכט פאַר נתנ׳ען אַ דירת־קבע. זי האָט ווידער גענומען קאָכן און פּרעגלען, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, און געטראָגן די גוטע שפּייזן נתנ׳ען אין זיין באַהעלטעניש אַריין. נאָך עטלעכע טעג רו האָט נתן זיך פאַרענדערט נישט צום דערקענען. פון די טייגעכצער און קוגלען איז זיין פּנים אויפסניי געוואָרן רויטלעך און זיין בויך האָט זיך נגיד׳יש אויסגעשפּיצט. ער האָט ווידער אָנגעטון אויסגעהאַפטענע העמדער, פּליושענע לאַטשן, אַטלאַסענע שלאַפראָקס און געשנייצט די נאָז אין אַ באַטיסטענער קעשענע־פאַטשיילע. עס זאָל אים נישט צוגעגעסן ווערן דאָס ליידיק־גיין, האָט רויזע טעמערל אים אַרויפגעבראַכט אַ טייטש־חומש, אַ נחלת־צבי און אַ פּאַק מעשה־ביכלעך. נתן האָט ליב געהאַט צו רויכערן אַ לולקע־ציבעק און רויזע טעמערל האָט דורך אַ שפּיצל באַקומען פאַר אים טאַבאַק. זי האָט אויך אַרויסגענומען פון קעלער פלעשער ווין און מעד, וואָס נתן האָט געהאַט שטיין זינט יאָרן, און דאָס געג׳גט׳ע פּאָרל האָט איינגעריכט סעודות אין דער חורבה. איך האָב שוין געזאָרגט, אַז משה מעכעלעס זאָל וואָס ווייניקער זיין אין דער היים. איך האָב אים אַרויסגעשיקט אויף אַלערליי יאַרידים און אים אַפילו צוגעשאַנצט אַ בוררות. איך האָב באַלד דערפירט דערצו, אַז די חורבה הינטערן שייער איז געוואָרן רויזע טעמערל׳ס איינציקע טרייסט. גלייך ווי אַ קאַרגער טראַכט טאָג און נאַכט וועגן זיין אוצר, וואָס ער האָט ערגעץ באַגראָבן, אין פאַרהוילעניש פון מענטשלעכע אויגן, אַזוי האָט רויזע טעמערל נאָר געקלערט וועגן דער חורבה און דעם סוד, וואָס זי האָט אין זיך פאַרבאָרגן. צומאָל האָט זיך איר אויסגעדוכט גלייך נתן וואָלט שוין געווען טויט, נאָר זי וואָלט דורך אַ שפּרוך אויף אַ ווייל אים לעבעדיק געמאַכט; אַן אַנדער מאָל איז איר פאָרגעקומען דאָס די מעשה קאָן נישט האָבן געשען אויף דער וואָר. ווען זי האָט אַרויסגעקוקט פון איר פענצטער און געזען דעם מאָכיקן דאַך פון דער חורבה, האָט זי געטראַכט: ניין, ס׳קען נישט זיין, אַז נתן געפינט זיך דאָרטן. נישט אַנדערש, נאָר איך בין פאַרבלענדט. באַלד איז זי אַוועק אַהין, אַרויף מיט די וואַקלדיקע טרעפּ, און נתן איז איר אַקעגנגעקומען אין בלוט־און־פלייש, מיט זיין היימישן שמייכל און זיין אָנגענעמען גערוך. נתן, ביזט דאָ? — האָט זי אים געפרעגט, און ער האָט געענטפערט: יאָ, רויזע טעמערל, איך בין דאָ און וואַרט אויף

And what is Moshe Mecheles? A stranger, a lout. Wouldn't it be better to fry with Nathan in Hell, rather than serve as Moshe Mecheles' footstool in Heaven? I also recalled to her an incident in a storybook, where a landowner, whose wife had eloped with a bear tamer, later forgave her and took her back to his manor.

When the clock in the Frampol church chimed eleven, Roise Temerl returned home. In her luxurious, canopied bed, she tossed, like one in a fever. For a long time, Nathan stood beside his window, looking out. The Elul sky was full of stars. The owl on the roof of the synagogue screeched with a human voice. The caterwauling of cats reminded him of women in labor. Crickets chirped, and unseen saws seemed to be buzzing through tree trunks. The neighing of horses that had grazed all night came through the fields with the calls of shepherds. Nathan, because he stood on an upper floor, could see the whole little town at a glance, the synagogue, the church, the slaughterhouse, the public bathhouse, the market, and the side streets where Gentiles lived. He recognized each shed, shack, and board in his own yard. A goat stripped some bark from a tree. A field mouse left the granary to return to its nest. Nathan watched for a long time. Everything about him was familiar and yet strange, real and ghostly, as though he were no longer among the living—only his spirit floated there. He recalled that there was a Hebrew phrase which applied to him, but he could not remember it exactly. Finally, after trying for a long time, he remembered: *one who sees without being seen.*

## VIII
### *One Who Sees without Being Seen*

In Frampol the rumor spread that Roise Temerl, having quarreled with her maid, had dismissed her in the middle of her term. This surprised the housewives, because the girl was reputedly industrious and honest. Actually, Roise Temerl had dismissed the girl to keep her from discovering that Nathan lived in the ruin. As always, when I seduce sinners, I persuaded the couple that all this was provisional, that Nathan would stay only until he had recovered from his wandering. But I made certain that Roise Temerl welcomed the presence of her hidden guest and that Nathan enjoyed being where he was. Even though they discussed their future separation each time they were together, Roise Temerl gave Nathan's quarters an air of permanency. She resumed her cooking and frying for him, and once more brought him her tasty dishes. After a few days, Nathan's appearance changed remarkably. From pastries and puddings, his face became pink again, and once more, like that of a man of wealth, his paunch protruded. Once more he wore embroidered shirts, velvet slippers, silken dressing gowns, and carried batiste handkerchiefs. To keep him from being bored by his idleness, Roise Temerl brought him a Bible in Yiddish, a copy of the *Inheritance of the Deer*, and numerous storybooks. She even managed to procure some tobacco for his pipe, for he enjoyed smoking one, and she brought from the cellar bottles of wine and mead that Nathan had stored for years. The divorced couple had banquets in the ruin.

I made certain that Moshe Mecheles was seldom at home; I sent him to all kinds of fairs, and even recommended him as arbiter in disputes. It did not take long for the ruin behind the granary to become Roise Temerl's only comfort. Just as a miser's thoughts constantly dwell on the treasure he has buried far from sight, so Roise Temerl thought only of the ruin and the secret in her heart. Sometimes she thought that Nathan had died and she had magically resurrected him for a while; at other times, she imagined the whole thing a dream. Whenever she looked out of her window at the moss-covered roof of the ruin, she thought: No! It's inconceivable for Nathan to be there; I must be deluded. And immediately, she had to fly there, up the rickety stairs, to be met halfway by Nathan in person, with his familiar smile and his pleasant odor. "Nathan, you're here?" she would ask, and he would respond, "Yes, Roise Temerl, I'm here and waiting for you."

דיר. האָסט נאָך מיר געבענקט? — האָט זי געפֿאַרשט, און ער האָט געענטפערט: ווי דען אַנדערש? ווען איך הער דיינע טריט, איז ביי מיר יום־טוב. נתן, נתן, — האָט זי ווייטער גערופן, — וואָלסטו דיר צוגעגלויבט מיט אַ יאָר צוריק, אַז מיר וועלן האָבן אַזוי אַ סוף? און ער האָט געמורמלט: ניין, רויזע טעמערל, עס איז עפּעס ווי אַ בייזער חלום. אוי, נתן, די־וועלט האָבן מיר שוין פאַרלוירן און איך האָב מורא, אַז מיר וועלן פאַרלירן יענע־וועלט אויך, — האָט רויזע טעמערל גע׳טענה׳עט, און ער האָט צוריקגעזאָגט: נו, מילא, ס׳גיהנום איז אויך פאַר מענטשן, נישט פאַר הינט.

מחמת משה מעכעלעס האָט געהערט צו דער כת חסידים, האָב איך, דער זקן ממרא, אים אַוועקגעשיקט אויף ימים־נוראים צו זיין רבי׳ן און רויזע טעמערל איז געבליבן אַליין. זי האָט אַרויפגעטראָגן נתנ׳ען אַ טלית, אַ קיטל, אַ מחזור און אים צוגעגרייט אַ ראש־השנה׳דיקע סעודה. היות די לבנה שיינט נישט ראש־השנה, האָט ער געגעסן די אָוונטיקע מאָלצייט אין דער פינצטער. ער האָט בלינדערהייט געטונקען אַ מוציא אין האָניק און פאַרזוכט עפּל, מייערן, אַ קאָפּ פון אַ קאַרפּ און אַ מילגרוים אויף אַ שהחינו. בייטאָג איז ער געשטאַנען אין טלית און קיטל און ער האָט געדאַוונט. ער האָט אַפילו געהערט פון דער שול דעם אָפּהילך פון שופר־בלאָזן. רויזע טעמערל איז צו אים אַרויפגעקומען צווישן שחרית און מוסף אין איר גאָלדן קלייד, אין איר ווייס־אַטלעסענער שובע, אין דער שאַל, וואָס איז אויסגעהאַפטן געווען מיט זילבערנע פעדים, און אים אָנגעוואונטשן: לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים טובים. אויף איר האַלדז האָט געהאָנגען אַ גאָלדענע קייט, וואָס ער, נתן, האָט איר געגעבן אַ כלה־מתנה. אויף איר ברוסט האָט געציטערט אַ בראָש, וואָס ער האָט איר געבראַכט פון דאַנציק, און אויף איר האַנט־געלענק האָט זיך געבאָמבלט אַ בראַנזאָלעט, וואָס ער האָט איר געקויפט אין בראָד. עס האָט געשמעקט פון איר מיט האָניק־לעקעך און ווייבער־שול. ערב יום־כפור האָט רויזע טעמערל געבראַכט נתנ׳ען אַ ווייסן האָן צושלאָגן כפרה און אים צוגעגרייט דאָס מאָלצייט צום פאַרפאַסטן. זי האָט אויך געגעבן אין שול אַריין אַ וואַקסן־ליכט פאַר זיינעטוועגן. ווען זי איז געקומען זיך מיט אים געזעגענען פאַר מנחה, איידער זי איז אַוועק אין שול, האָבן זיך גענומען אַרויסרייסן פון איר האַלדז אַזוינע יללות, אַז נתן האָט פורכט באַקומען, דאָס די לייט זאָלן זי נישט דערהערן. זי איז אַרויפגעפאַלן אויף אים, זיך אָן אים געקלאַמערט, און ער האָט זי נישט געקאָנט אָפּרייסן. זי האָט נאָס געמאַכט זיין פּנים מיט אירע טרערן און געהוילט מיט באַנומענע קולות. נתן, נתן, האָט זי געיאָמערט, מיר זאָלן שוין מער נישט וויסן פון קיין צער. און אויבוואויל די ווערטער זאָגט מען נאָר, ווען עמעץ אין דער משפחה איז געשטאָרבן, האָט זי דאָס איבערגע׳חזר׳ט פיל מאָל. נתן האָט זי געמוזט אַרונטערפירן מיט די שטיגן, וואָרום ער האָט מורא געהאַט זי זאָל נישט פאַלן און חלש׳ן. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער און געקוקט ווי די פראַמפּאָלער לייט גייען אין שול אַריין. אין שול־הויף זענען אויף קליינע בענקעלעך געזעסן אָרעמעלייט מיט קערות. ווייבער האָבן געשפּאַנט האָפּערדיק און גיך, ווי צום איינרייסן, אונטערגעהויבן די שלעפּן, און ווען צוויי האָבן זיך באַגעגנט, זענען זיי אַרויפגעפאַלן אויף זיך און זיך געשאָקלט אַהין און צוריק, ווי אין אַ סודות׳דיק ראַנגלעניש. גבאי׳טעס האָבן געקלאַפּט אין טירן און געבעטן מחילה. ווייבלעך, וואָס זייערע קינדער זענען געלעגן שלאַף, זענען געלאָפן מיט אויסגעשפרייטע הענט, ווי זיי וואָלטן זיך נאָך עמעצן געיאָגט, און געשריען ווי דולע. אַלטע באַלעבאַטים האָבן נאָך אין די שטובן געהאַט אויסגעטון די שיך און אָנגעטון קיטלען, טליתים און ווייסע הויבן אויף די קעפּ. זיי האָבן אויסגעזען ווי מתים אין תכריכים. אַ שאַרלעך רויטע שיין איז געלעגן איבער די דעכער, האָט זיך געשפּיגלט אין די שויבן, אָנגעצונדן די אויסגעבלייכטע פּנימ׳ער. די זון אין מערב איז געוואָרן משונה גרויס, און די וואָלקנס אַרום איר האָבן זיך אָנגעכאַפּט פון איר ברען, ביז אַ האַלבער הימל איז געוואָרן באַדעקט מיט פלאַמען. נתן האָט זיך דערמאָנט אין דעם נהר־דינור, וואָס ווערט באַשריבן אין נחלת־צבי און וואָס אַלע נשמות מוזן זיך אין אים לייטערן. באַלד איז די זון אונטערגעגאַנגען. שטוב־מיידלעך זיינען אַרויסגעקומען פאַר די טירן אָפּגעצוואָגענע, אָנגעטון אין ווייסן, און האָבן באַדעכטיק פאַרמאַכט די לאָדן. די לאַנגע פענצטער פון דער שול זענען געווען פול מיט ליכט און פלעמלעך, און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דאָס גאַנצע בנין איז אינעווייניק אין פלאַקער. אַ צוגעדושעטע זשומעניש האָט זיך פון דאָרט געטראָגן און אָפּגעריסענע געוויינען. נתן האָט אויסגעטון די שיך און זיך איינגעהילט אין טלית און קיטל. ער האָט האַלב אויף אויסנווייניק און האַלב פון מחזור אַרויס גענומען אונטערברומען די הייליקע ווערטער פון כל־נדרי, וואָס ווערן געזונגען נישט בלויז פון די לעבעדיקע, נאָר אויך פון די טויטע אין די קברים. און וואָס איז ער אַליין, נתן יוזעפאָווער, איצט געווען, אויב נישט אַ בר־מינן, וואָס אַנשטאָט צו רוען אין קבר, טרייבט ער אַרום אויפן עולם התוהו.

"Have you missed me?" she would ask, and he would answer: "Of course. When I hear your step, it's a holiday for me."

"Nathan, Nathan," she would continue. "Would you have believed a year ago that it would end like this?"

And he would murmur, "No, Roise Temerl, it is like a bad dream."

"Oh Nathan, we have already lost this world, and I'm afraid we'll lose the other also," Roise Temerl said.

And he replied, "Well, that's too bad, but hell too is for people, not for dogs."

Since Moshe Mecheles belonged to the Hasidim, I, Old Rebel, sent him to spend the Days of Awe with his rabbi. Alone, Roise Temerl bought Nathan a prayer shawl, a white robe, a prayer book, and prepared a holiday meal for him. Since on Rosh Hashanah, there is no moon, he ate the evening meal in darkness, blindly dunked a slice of bread in honey, and tasted an apple, a carrot, the head of a carp, and offered a blessing for the first fruit, over a pomegranate. He stood praying during the day in his robe and prayer shawl. The sound of the ram's horn came faintly to his ears from the synagogue. At the intermission between the prayers, Roise Temerl visited him in her golden dress, her white, satin-lined coat, and the shawl embroidered with silver threads, to wish him a happy new year. The golden chain he had given her for their betrothal hung around her neck. A brooch he had brought to her from Danzig quivered on her breast, and from her wrist dangled a bracelet he had bought her at Brod. She exuded an aroma of honey cake and the women's section of the synagogue. On the evening before the Day of Atonement, Roise Temerl brought him a white rooster as a sacrificial victim and prepared for him the meal to be eaten before commencing the fast. Also, she gave the synagogue a wax candle for his soul. Before leaving for the Minchah prayer at the synagogue, she came to bid him goodbye, and she began to lament so loudly that Nathan feared she would be heard. Falling into his arms, she clung to him and would not be torn away. She drenched his face with tears and howled as though possessed. "Nathan, Nathan," she wailed, "may we have no more unhappiness," and other things that are said when a member of a family dies, repeating them many times. Fearing she might faint and fall, Nathan had to escort her downstairs. Then, standing at the window, he watched the people of Frampol on their way to the synagogue. The women walked quickly and vigorously, as though hurrying to pray for someone on his deathbed; they held up their skirts, and when two of them met, they fell into each other's arms and swayed back and forth as if in some mysterious struggle. Wives of prominent citizens knocked at doors of poor people and begged to be forgiven. Mothers, whose children were ill, ran with arms outstretched, as though chasing someone, crying like madwomen. Elderly men, before leaving home, removed their shoes, put on white robes, prayer shawls, and white skullcaps. In the synagogue yard, the poor sat with alms' boxes on benches. A reddish glow spread over the roofs, reflecting in the window panes, and illuminating pale faces. In the west, the sun grew enormous; clouds around it caught fire, until half the sky was suffused with flames. Nathan recalled the River of Fire, in which all souls must cleanse themselves. The sun sank soon below the horizon. Girls, dressed in white, came outside and carefully closed shutters. Little flames played on the high windows of the synagogue, and inside, the entire building seemed to be one great flicker. A muted hum arose from it, and bursts of sobbing. Removing his shoes, Nathan wrapped himself in his shawl and robe. Half reading and half remembering, he chanted the words of Kol Nidre, the song that is recited not only by the living but by the dead in their graves. What was he, Nathan Jozefover, but a dead man, who instead of resting in his grave, wandered about in a world that did not exist?

# קאַפּיטל נײַן

די ימים־טובים זענען אַריבער. דער ווינטער איז געקומען. אָבער נתן איז נאָך אַלץ געבליבן אין דער חורבה. הייצן האָט מען דאָרט נישט געקאָנט. ערשטנס, איז דער אויוון געווען צענומען; צווייטנס, ווען אַ רויך וואָלט אַרויס דורכן קוימען, וואָלטן די לייט זיך געכאַפּט. אום נתן זאָל נישט פרירן, האָט רויזע טעמערל אים באַזאָרגט מיט וואַרעמע מלבושים און אַ פייער־טאָפּ. בײַנאַכט האָט ער זיך צוגעדעקט מיט צוויי פוכענע איבערבעטן. בײַטאָג איז ער געווען אָנגעטון אין זײַן פוקסן־פוטער, און אויף די פיס געטראָגן וואָילאָקעס. רויזע טעמערל האָט אים אויך אַרײַנגעשטעלט אַ פעסעלע אָקאָוויט. עס האָט דערין געשטעקט אַ שטרוי, און יעדעס מאָל וואָס אים איז קאַלט געוואָרן, האָט ער אַ צי געטון פון ביטערן טראָפּן און פאַרביסן מיט געטריקנט שעפּסן־פלייש. מחמת רויזע טעמערל האָט אים געשטאָפּט מיט פעטע מאַכלים, איז ער געוואָרן דיק און שווער. פאַרנאַכט פלעגט ער שטיין און אַרויסקוקן אַ נײַגעריקער ווי די ווײַבער גייען אין מקוה אַרײַן. אין מאַרק־טאָג איז ער נישט אָפּגעטראָטן פון פענצטער. פורן זײַנען אַרײַנגעפאָרן אין הויף און פויערים האָבן אָפּגעלאָדן זעק תבואה. משה מעכעלעס האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פאַרשמאַיעטער, אין אַ וואַטענעם שפּענצער, און געשריגן מיט אַ הייזעריק קול׳כל. אויבוואויל ס׳האָט נתנ׳ען ווי געטון, וואָס דער שמויגער באַלעבאַטעוועט איבער זײַן האָב־און־גוטס און ליגט מיט זײַן ווײַב, האָט זײַן אָנבליק אין אים דערוועקט געלעכטער, אַ שטייגער ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען עפּעס אַ קלוג שפּיצל, וואָס ער, נתן, האָט אָפּגעטון זײַן קאָנקורענט... צומאָל האָט זיך אים געוואָלט אַ געשריי טון: העי, דו, משה מעכעלעס, און וואַרפן אים אַ שטיק קאַלך, אָדער אַ ביין...

ווי לאַנג עס איז נישט געפאַלן קיין שניי, האָט נתן געהאַט זײַנע באַדערפענישן. רויזע טעמערל איז אָפט צו אים געקומען. נתן אַליין פלעגט בײַנאַכט אַרויסגיין פון דער חורבה און זיך דורכגיין מיט דעם שטעג, וואָס האָט געפירט באַרג־אַראָפּ צום טײַך. נו, איז אָבער אין איינער אַ נאַכט אָנגעפאַלן אַ טיפער שניי. צומאָרגן איז רויזע טעמערל נישט געקומען, וואָרום זי האָט מורא געהאַט, דאָס מען וועט דערזען די שפּורן פון אירע טריט. נתן האָט אויך מער נישט געקענט אַרויסגיין טון זײַן געברויך. דאָס וואַסער אין עמער איז געוואָרן אײַז. צוויי טעג זײַנען אַריבער און ער האָט מער נישט פאַרזוכט קיין לעפל געקעכטס. דעם דריטן טאָג האָט רויזע טעמערל געדונגען אַ פויער ער זאָל אָפּרייניקן דעם שניי פון הויז צום שפּייכלער און פאַר איינוועגס האָט זי אים שוין געהייסן פאַרלענגערן דעם וועג ביז צו דער חורבה. ווען משה מעכעלעס איז געקומען אַהיים און געזען, דאָס דער שניי איז אָפּגערוימט, איז דאָס אים געווען אַ חידוש, און ער האָט געפרעגט: צו וואָס דאַרף מען דאָס? נאָר רויזע טעמערל האָט אים פאַררעדט די ציין. מחמת ער האָט גאָרנישט חושד געווען, האָט ער באַלד דערין פאַרגעסן.

פון דאַמאָלס אָן איז נתנ׳ען דאָס לעבן געוואָרן אַלץ לעסטיקער. דער שניי האָט יעדעס מאָל פונסניי אַלץ פאַרשאָטן, און רויזע טעמערל האָט אים אָוועקגעשאָרט מיט אַ רידל. די שכנים זאָלן נישט מערקן וואָס ס׳טוט זיך אין איר הויף, האָט זי געלאָזט פאַרריכטן די צוים. זי האָט אויך נישט ווײַט פון דער חורבה אויסגעגראָבן אַ גרוב אויף אָפּפאַל, ס׳זאָל הייסן דאָס זי גייט אַהין אַרײַנוואַרפן מיסט. נתן האָט יעדעס מאָל פונסניי גערעדט, אַז עס איז שוין צײַט, ער זאָל נעמען דאָס פּעקל און גיין זײַן וועג. נאָר רויזע טעמערל האָט אים באַשוואוירן, ער זאָל אָפּוואַרטן. וואו וועסטו גיין? — האָט זי געפרעגט, — דו וועסט, חלילה, פאַלן פון די פיס. זי האָט אים צוגעזאָגט, דאָס לויט דעם לוח וועט דער ווינטער זײַן אַ לינדער, דער זומער וועט זיך שטעלן היי יאָר פרי, אַ שטיק פאַר פורים, און ער דאַרף בלויז איבערקומען האַלב־כסליו, טבת און שבט. זי האָט געזאָגט נאָך אַנדערע זאַכן. און צומאָל האָבן זיי גאָרנישט גערעדט, נאָר זיי האָבן זיך אָנגענומען בײַ די הענט און געשוויגן, אָדער געוויינט. דער אמת איז געווען, דאָס מאַן און ווײַב זײַנען פון טאָג צו טאָג אָפּגעפאַלן פון די כוחות. נתן איז געוואָרן אַלץ דיקער און אָנגעבלאָזענער. זײַן בויך איז געווען פול מיט ווינטן. די פיס זײַנען אים געוואָרן ווי אָנגעפּילט מיט בליי און די ראיה — פאַרטונקלט. ער האָט אַפילו מער נישט געקענט לייענען די מעשה־ביכלעך. רויזע טעמערל איז געוואָרן אויסגעדאַרט ווי פון אַן אָפּצערעניש. זי האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט און דער שלאָף איז איר אָפּגענומען געוואָרן. זי איז געלעגן גאַנצע נעכט און געשלוכצט. און ווען משה מעכעלעס האָט זי געפרעגט, וואָרום זי וויינט, האָט זי געזאָגט, אַז עס איז דערום, ווײַל זי לאָזט נאָך זיך נישט קיין קדיש.

אין איינעם אַ טאָג האָט גענומען גיסן אַ שלאַקס־רעגן און ער האָט אַראָפּגעשווענקט דעם גאַנצן שניי. מחמת רויזע טעמערל איז שוין מער ווי צוויי מעת־לעת נישט געהאַט געווען אין דער חורבה, האָט נתן זיך גערעכנט, אַז זי וועט באַלד אָנקומען. ס׳איז אים אויך שוין געהאַט אויסגעגאַנגען די שפּײַז און ס׳איז אים בלויז געבליבן אַביסל יי״ש אויפן באָדעם פון פעסל. נו, איז ער געשטאַנען שעה׳ן־לאַנג בײַם פענצטער און זי אויסגעקוקט, אָבער זי האָט זיך נישט געוויזן. דער קורצער ווינטער־טאָג איז באַלד געווען אויס. די נאַכט איז צוגעפאַלן אַ פינצטערע, אַן אײַז־קאַלטע. הינט האָבן געבילט. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן. די ווענט פון דער חורבה האָבן זיך געשאָקלט, אין קוימען האָט געפּייפט, די שינדלען אין דאַך האָבן געקלאַפּט, שטיקער קאַלך זײַנען געפאַלן פון באַלקן. אין נתנ׳ס הויז, וואָס האָט איצט געהערט צו משה מעכעלעס, האָט מען, אַפּנים, אָנגעצונדן עטלעכע לאָמפּן, וואָרום דאָס ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשײַנט, איז געווען העלער ווי געוויינלעך און נאָך געדיכטער געמאַכט דאָס חשכות אַרום. אַ ווײַל האָט זיך נתנ׳ען אויסגעדוכט, אַז ער האָט געהערט דאָס ראָלן פון רעדער, ווי אַ קאַרעטע וואָלט צוגעפאָרן צום הויז. עמעץ האָט אין דער פינצטערניש געשעפּט וואַסער אין ברונעם. מ׳האָט אויסגעגאָסן אַ פאַמעשאַף. ס׳איז געוואָרן שפּעט. פונדעסטוועגן האָט מען נישט פאַרמאַכט די לאָדן. מחמת נתן האָט געזען שאָטנס לויפן הין־און־צוריק, איז אים אײַנגעפאַלן, אַז חשוב׳ע געסט זענען געקומען און מ׳מאַכט דאָרט פאַר זיי אַ סעודה. ער איז אַזוי לאַנג געשטאַנען און

# IX

## *Footprints in the Snow*

The High Holy Days were over. Winter had come. But Nathan was still in the ruin. It could not be heated, not only because the stove had been dismantled, but because smoke, coming from the chimney, would make people suspicious. To keep Nathan from freezing, Roise Temerl provided him with warm clothes and a coal pot. At night he covered himself with two feather quilts. During the day he wore his fox fur and had felt boots on his feet. Roise Temerl also brought him a little barrel of spirits with a straw in it, which he sipped each time he felt cold, while eating a piece of dried mutton. From the rich food with which Roise Temerl plied him, he grew fat and heavy. In the evenings he stood at the window watching with curiosity the women who went to the ritual bath. On market days he never left the window. Carts drove into the yard and peasants unloaded sacks of grain. Moshe Mecheles, in a cotton padded jacket, ran back and forth, crying out hoarsely. Although it pained Nathan to think that this ridiculous fellow disposed of his possessions and lay with his wife, Moshe Mecheles's appearance made him laugh, as though the whole thing were a kind of prank that he, Nathan, had played on his competitor. Sometimes he felt like calling to him: Hey, there, Moshe Mecheles! while throwing him a bit of plaster or a bone.

As long as there was no snow, Nathan had everything he needed. Roise Temerl visited him often. At night Nathan would go out for a walk on a path that led to the river. But one night a great deal of snow fell, and the next day Roise Temerl did not visit him, for she was afraid someone might notice her tracks in the snow. Nor could Nathan go out to satisfy his natural needs. For two days he had nothing warm to eat, and the water in the pail turned to ice. On the third day Roise Temerl hired a peasant to clear the snow between the house and the granary and she also told him to clear the snow between the granary and the ruin. Moshe Mecheles, when he came home, was surprised and asked, "Why?" but she changed the subject, and since he suspected nothing, he soon forgot about it.

Nathan's life, from then on, became increasingly difficult. After each new snowfall, Roise Temerl cleared the path with a shovel. To keep her neighbors from seeing what went on in the yard, she had the fence repaired. And as a pretext for going to the ruin, she had a ditch for refuse dug close to it. Whenever she saw Nathan, he said it was time for him to take his bundle and leave, but Roise Temerl prevailed on him to wait. "Where will you go?" she asked. "You might, God forbid, drop from exhaustion." According to the almanac, she argued, the winter would be a mild one, and summer would begin early, weeks before Purim, and he only had to get through half the month of Kislev, besides Teveth and Shevat. She told him other things. At times, they did not even speak, but sat silently, holding hands and weeping. Both of them were actually losing strength each day. Nathan grew fatter, more blown up; his belly was full of wind; his legs seemed leaden; and his sight was dimming. He could no longer read his storybooks. Roise Temerl grew thin, like a consumptive, lost her appetite, and could not sleep. Some nights she lay awake, sobbing. And when Moshe Mecheles asked her why, she said it was because she had no children to pray for her after she was gone.

One day a downpour washed away the snow. Since Roise Temerl had not visited the ruin for two days, Nathan expected her to arrive at any moment. He had no food left; only a bit of brandy remained at the bottom of the barrel. For hours on end he stood waiting for her at the window, which was misted over with frost, but she did not come. The night was pitch black and icy. Dogs barked, a wind blew. The walls of the ruin shook; a whistling sound ran through the chimney, and the eaves rattled on the roof. In Nathan's house, now the house of Moshe Mecheles, several lamps seemed to have been lighted; it seemed extraordinarily bright, and the light made the surrounding darkness thicker. Nathan thought he heard the rolling of wheels, as though a carriage had driven to the house. In the darkness, someone drew water from the well, and someone poured out the slops. The night wore on, but despite the late hour, the shutters remained open. Seeing shadows run back and forth, Nathan thought important visitors might have come and were being

געקוקט אין דער נאַכט אַריין, ביז די קני האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן. ער האָט מיט די לעצטע כוחות זיך אַריינגעוואָרפן אין געלעגער און איז איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן שלאָף.

צומאָרגנס גאַנץ פרי האָט די קעלט אים אויפגעוועקט. ער האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאַרשטייפטער און זיך קוים דערשלעפט צום פענצטער. ביינאַכט איז ווידער געהאַט אָנגעפאַלן אַ שניי און עס האָט גענומען אַ פראָסט. צו זיין שטוינונג האָט נתן דערזען אַרום זיין דירה אַ געזעמל מאַנסלייט און ווייבער. וואָס טוט זיך דאָרטן? — האָט ער אַ טראַכט געטון מיט אַנגסט. ער האָט פאַרשפאַרט לאַנג זיך צו גריבלען, ווייל מיט אַמאָל האָט זיך די טיר פון פאַדערהויז אויפגעשפאַרט און פיר לייט האָבן אַרויסגעטראָגן אַ מיטה, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרץ טוך. משה מעכעלעס איז געשטאָרבן, — האָט נתן צו זיך אַ רוף געטון. אָבער גלייך האָט ער דערזען משה מעכעלעס נאָכגיין נאָך דעם ארון. געשטאָרבן איז נישט ער, נאָר רויזע טעמערל.

נתן האָט אפילו נישט געקענט וויינען, גלייך די טרערן וואָלטן אים געפרוירן געוואָרן אין דער קרירה. ער איז געשטאַנען אַ ציטערדיקער און פלאַטערדיקער און געקוקט ווי די נושאים טראָגן די מיטה, ווי דער שמש פאַכעט מיט דער צדקה־פושקע און די מלווים קריכן טיף אין שניי, וואָס דער ווינט האָט אָנגעיאָגט אין בערגלעך. דער הימל איז געלעגן אַ נידעריקער, אַ בלאַסער, ווי לייוונט, און ער האָט זיך צונויפגעמישט מיט דער באַדעקטער ערד. די בוימער אין פעלד האָבן געשטעקט ביז די לענדן אין ווייסקייט, ווי זיי וואָלטן געשוואומען אין אַ פאַרפלייצונג. נתן האָט געזען פון דאַנען דעם גאַנצן וועג צום בית־עולם. די מטה האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, די באַלייטער זענען געוואָרן שיטער און צומאָל איינגאַנצן פאַרשוואונדן, ווי איינגעזונקען. באַלד האָבן זיי ווידער אויפגעטויכט. אַ ווייל האָט זיך נתנ׳ען אויסגעדוכט, אַז די לוויה האָט זיך אָפּגעשטעלט און רירט זיך נישט פון אָרט. דאַן איז אים פאַרגעקומען, אַז די לייט, צוזאַמען מיט דעם מת, רוקן זיך אויף צוריק... ביסלעכווייז איז די לוויה געוואָרן אַלץ קלענער, ביז זי איז געוואָרן ווי אַ שוואַרץ פינטעלע. מחמת דאָס פינטעלע האָט צום סוף אויפגעהערט זיך באַוועגן, האָט נתן באַנומען, אַז די לייט זענען שוין אויפן בית־עלמין און אַז ער זעט פון זיין באַהעלטעניש ווי מ׳ברענגט זיין געטריי ווייב צו קבורה. ער האָט געוואַשן די הענט מיט דעם לעצטן ביסל בראַנפן, וואָרום ס׳וואַסער אין עמער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אייז, און ער האָט גענומען מורמלען קדיש.

## קאַפּיטל צען

נתן האָט געהאַט בדעה ביינאַכט איינצופּאַקן די זאַכן און אַוועקצוגיין. אָבער איך, דער בעל־דבר, האָב אים פאַרמיטן פון אויספירן זיין פּלאַן. פאַרנאַכט האָט אים אַ שטאַרקע ווייטאָג אָנגענומען אין בויך; דער קאָפּ איז אים געוואָרן הייס און די קני אַזוי שוואַך, אַז ער האָט נישט געקאָנט טון קיין טריט. ער האָט געפּרוּווט אַרויפציען די שטיוול, אָבער זיי זענען געוואָרן פאַרדאַרט, און אויבוואויל ער האָט קיין שמועה טובה נישט געהערט, איז זיין ביין פעט געוואָרן... דער יצר־טוב האָט אים געראָטן דאָס ער זאָל רופן הילף און שרייען אַזוי לאַנג, ביז לייט וועלן דערהערן און קומען אים ראַטעווען, וואָרום מ׳טאָר זיך נישט גורם זיין דעם טויט. אָבער איך האָב געזאָגט: געדעקנסטו דוד המלכ׳ס רייד: לאָמיך ליבערשט פאַלן אין גאָט׳ס האַנט און אין מענטשנ׳ס הענט לאָמיך נישט אַריינפאַלן. איידער משה מעכעלעס און זיינע שאַלאַטן־שמשים זאָל אין דיר נקמה דערלעבן און שפּעטן אויס דיר און דיין בראָך, ליבער פּגר ווי אַ הונט. בקיצור, ער האָט מיך געהאָרכט, וואָרום, ערשטנס, איז ער געווען אַ גדלן; צווייטנס, איז אים באַשערט געווען נישט צו קומען צו קבר ישראל.

ער האָט מיט די לעצטע כוחות צוגערוקט דאָס בעט האַרט צום פענצטער און ער איז דאָרט געלעגן און אַרויסגעקוקט. ער איז איינגעשלאָפן און זיך אויפגעכאַפּט. דאָ איז געווען טאָג און דאָ נאַכט. צומאָל האָט ער געהערט געשרייען אין הויף. אַן אַנדער מאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז עמעץ רופט זיין נאָמען. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיין קאָפּ איז משונה גרויס און שווער, אַ שטייגער ווי ער וואָלט געטראָגן אויפן נאַקן אַ מילשטיין. די פינגער פון די הענט זענען געווען ווי העל־צער, די צונג — האַרט, און זי איז, לויט זיין אויסדוכטעניש, געווען גרעסער ווי דער חלל, וואָס זי האָט אויסגעפילט. מיינע פאַרשוינען, די לאַפּיטוטן, זענען אים געקומען צו חלום. זיי האָבן געשריגן, געפייפט, געצונדן פייערן, געגאַנגען אויף שטאָלצן, און אַרומגעטריבן ווי פורים־שפּילער. דאָ האָט זיך אים גע׳חלומ׳ט אַ שרפה און דאָ אַ פאַרפלייצונג, דאָ איז כלומר׳שט די וועלט חרוב געוואָרן, און דאָ האָט ער באַקומען פליגל, ווי אַ פלעדערמויז, און ער האָט אַרומגעשוועבט אין דער ליידיקייט. ער האָט אויך אַ אין חלום געגעסן בלינצעס, קרעפּלעך, ברייטע לאָקשן מיט קעז, און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז אים דער מאָגן געווען אָנגעפּוישט, ווי ער וואָלט באמת געגעסן. און ער האָט געשלוקעכצט, געגרעבצט און אָנגעטאַפּט דעם בויך, וואָס איז געווען לער פון שפּייז און פול מיט קרענק און פורעניות.

treated to a banquet. He remained staring into the night until his knees grew weak, and with his last bit of strength, he dragged himself to his bed and fell into a deep sleep.

The cold awoke him early next morning. With stiff limbs he arose and barely propelled himself to the window. More snow had fallen during the night, and a heavy frost had set in. To his amazement, Nathan saw a group of men and women standing around his house. He wondered, anxiously, what was going on. But he did not have to wonder long, for suddenly the door swung open, and four men carried out a coffin hearse covered with a black cloth. "Moshe Mecheles is dead!" Nathan thought. But then he saw Moshe Mecheles following the coffin. It was not he, but Roise Temerl who had died.

Nathan could not weep. It was as though the cold had frozen his tears. Trembling and shaking, he watched the men carrying the coffin, watched the beadle rattling his alms box and the mourners wading through deep snowdrifts. The sky, pale as linen, hung low, meeting the blanketed earth. As though drifting on a flood, the trees in the fields seemed to be afloat in whiteness. From his window, Nathan could see all the way to the cemetery. The coffin moved up and down; the crowd, following it, thinned out and at times vanished entirely, seemed to sink into the ground and then emerge again. Nathan fancied for a moment that the cortege had stopped and no longer advanced, and then, that the people, as well as the corpse, were moving backward. The cortege grew gradually smaller, until it became a black dot. Because the dot ceased to move, Nathan realized that the pallbearers had reached the cemetery, and that he was watching his faithful wife being buried. With the remaining brandy, he washed his hands, for the water in his pail had turned to ice, and he began to murmur the prayer for the dead.

## X
### *Two Faces*

Nathan had intended to pack his things and leave during the night, but I, the Chief of the Devils, prevented him from carrying out his plan. Before sunrise he was seized with powerful stomach cramps; his head grew hot and his knees so weak that he could not walk. His shoes had grown brittle; he could not put them on; and his legs had become fat. The Good Spirit counseled him to call for help, to shout until people heard and came to rescue him, because no man may cause his own death, but I said to him: Do you remember the words of King David: "Let me rather fall into God's hands, than into the hands of people?" You don't want Moshe Mecheles and his henchmen to have the satisfaction of revenging themselves on you and jeering. Rather die like a dog. In short, he listened to me, first, because he was proud, and second, because he was not fated to be buried according to law.

Gathering together his last remnants of strength, he pushed his bed to the window, to lie there and watch. He fell asleep early and awoke. There was day, and then night. Sometimes he heard cries in the yard. At other times he thought someone called him by name. His head, he fancied, had grown monstrously large and burdensome, like a millstone carried on his neck. His fingers were wooden, his tongue hard; it seemed bigger than the space it occupied. My helpers, goblins, appeared to him in dreams. They screamed, whistled, kindled fires, walked on stilts, and carried on like Purim players. He dreamed of floods, then of fires, imagined the world had been destroyed, and then that he hovered in the void with bats' wings. In his dreams he also saw pancakes, dumplings, broad noodles with cheese, and when he awoke his stomach was as full as though he had actually eaten; he belched and sighed, and touched his belly that was empty and aching all over.

איינמאָל, ווען נתן האָט זיך אויפגעזעצט און אַרויסגעקוקט, האָט ער דערזען, צו זיין שטיינונג, אַז די לייט גייען אויף הינטערווייַלעכץ, און עס איז אים געווען אַ פּלא. באַלד האָט ער געזען נאָך אַנדערע וואונדערלעכע זאַכן. ער האָט דערקענט צווישן די פאַרבייגייער באַלעבאַטים, וואָס, לויט זיין זכרון, זענען זיי שוין לאַנג געווען טויט. האָב איך אַ טעות? — האָט ער זיך געפרעגט — אָדער איז שוין משיח געקומען און ס'איז תחית־המתים? וואָס לענגער ער האָט געקוקט אַלץ מער האָט ער זיך גע'חידוש'ט. גאַנצע דורות זענען פאַרביי דאָס שטעטל: אידן און ווייבער, מיט זעק אויף די פּלייצעס און מיט שטעקנס אין די הענט. ער האָט דערקענט צווישן זיי זיין טאַטן און דעם זיידן, די באָבעס און די עלטער־מומעס. אַ ווייל האָט ער געזען ווי בעל־מלאכה'ס בויען די פראַמפּאָלער שול. מען האָט געטראָגן ציגל, געשניטן ברעטער, געמישט קאַלך, געקלאַפּט שינדלען. אַרום זיינען געשטאַנען חדר־אינגלעך, געקוקט אַרויף און גערופן אַן אויסטערליש וואָרט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי זיי וואָלטן גערעדט אַ פרעמד לשון. צוויי שטאָרכן זענען געפלויגן איבער דעם בנין אַרום און אַרום, ווי זיי וואָלטן געמאַכט הקפות. דערנאָך איז דאָס געביי מיט די בויער נעלם געוואָרן, און ער האָט געזען, ווי אַ בינטל פאַרשוינען, באָרוועסע, בערדיקע, מיט ווילדע אויגן און מיט צלמים אין די הענט, האָבן געפירט אַ איד צו דער תליה. דער יונגערמאַן מיט דעם שוואַרצן בערדל האָט געשריען מיט באַנומענע קולות, נאָר זיי האָבן אים געבונדן מיט שטריק און געשלעפּט. אייזערנע גלעקער האָבן געקלונגען, מענטשן אין גאַס זענען אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן. אויבוואויל ס'איז געווען טאָג, איז געוואָרן טונקל, ווי אין אַ ליקוי־חמה. צום סוף האָט דער יונגערמאַן אַ געשריי געטון: שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד, און איז געבליבן הענגען מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג. זיינע פיס האָבן לאַנג זיך געהוידעט און מחנות קראָען זענען געפלויגן איבער אים און געקראַקעט מיט אַ געדיכט קראַקעניש.

די לעצטע נאַכט האָט זיך נתנ'ען גע'חלומ'ט, אַז רויזע טעמערל און שפרה צירל זענען איין פרוי מיט צוויי פּנימ'ער. איר אַנגעזיכט האָט נתנ'ען גריילעך דערפרייט. וואָרום האָב איך דאָס פריער נישט געמערקט? — האָט ער זיך גע'חידוש'ט. — וואָרום האָב איך געדאַרפט אויסשטיין די גאַנצע מי און ערגעריש?... ער האָט געקושט די צוויי־פּרצופים'דיקע נקבה, און זי האָט אים צוריקגעקושט מיט אירע צוויפאַכיקע ליפּן און אַנגעשפּאַרט אַן אים די טאָפּלטע בריסטן. ער האָט גערעדט צו איר ליבע־רייד און זי האָט אים אָפּגעענטפערט מיט צוויי קולות. אין אירע פיר אָרעמס און צוויי שויסן זיינען אַלע קשיות געוואָרן פאַרענטפערט, און ס'איז מער נישט געווען קיין לעבן און קיין טויט, קיין דאָ און קיין דאָרט, קיין אַנהויב און קיין סוף. דער אמת איז אַ טאָפּלטער, — האָט נתן אַ רוף געטאָן, — דאָס איז דער סוד פון אַלע סודות.

יענע נאַכט איז נתן געשטאָרבן אָן ווידוי, און איך האָב אומגעזוימט אַוועקגעקוילערט זיין נשמה אין שאול־תחתית. עד־היום וואָגלט ער אַרום אין אַלע וויסטע וועלדער און האָט נאָך אַלץ נישט זוכה געווען צו קומען אין גיהנום. ר' משה מעכעלעס האָט ווידער חתונה געהאַט — דאָסמאָל מיט אַ יונגער פרוי. זי האָט אים, מערקט אייך, אויסגעמאַכט אַן אויער און אינגיכן אים גע'ירש'נט און צעטרענצלט זיין פאַרמעגן. שפרה צירל איז געוואָרן אַ זונה אין פרעשבורג און פאַרפוילט געוואָרן אין הקדש. די חורבה שטייט, וואו זי איז געשטאַנען, און נתנ'ס ביינער וואַלגערן זיך אין איר ביז היינט צו טאָג. און וואָס ווייסטו? אפשר באַהאַלט זיך דאָרט ווידער אַ רואה ואינו נראה?...

Once, sitting up, he looked out of the window, and saw to his surprise that people were walking backward, and marveled at this. Soon he saw other extraordinary things. Among those who passed, he recognized men who had long been dead. "Do my eyes deceive me?" he wondered, "Or has Messiah come, and has he resurrected the dead?" The more he looked the more astonished he became. Entire generations passed through the town, men and women with packs on their shoulders and staffs in their hands. He recognized, among them, his father and grandfather, his grandmothers and great-aunts. He watched workers build the Frampol synagogue. They carried bricks, sawed wood, mixed plaster, nailed on eaves. Schoolboys stood about, staring upward and calling a strange word he could not understand, like something in a foreign tongue. As in a dance around the Torah, two storks circled the building. Then the building and builders vanished, and he saw a group of people, barefooted, bearded, wild-eyed, with crosses in their hands, lead a Jew to the gallows. Though the black-bearded young man cried heartrendingly, they dragged him on, tied in ropes. Bells were ringing; the people in the streets ran away and hid. It was midday, but it grew dark as the day of an eclipse of the sun. Finally, the young man cried out: "Shema Yisroel, the Lord our God, the Lord is One," and was left hanging, his tongue lolling out. His legs swayed for a long time, and hosts of crows flew overhead, cawing hoarsely.

On his last night, Nathan dreamed that Roise Temerl and Shifra Zirel were one woman with two faces. He was overjoyed at her appearance. "Why have I not noticed this before?" he wondered. "Why did I have to go through this trouble and anxiety?" He kissed the two-faced female, and she returned his kisses with her doubled lips, pressing against him her two pairs of breasts. He spoke words of love to her, and she responded in two voices. In her four arms and two bosoms, all his questions were answered. There was no longer life and death, here nor there, beginning nor end. "The truth is twofold," Nathan exclaimed. "This is the mystery of all mysteries!"

Without a last confession of his sins, Nathan died that night. I at once transported his soul to the nether abyss. He still wanders to this day in desolate spaces, and has not yet been granted admittance to hell. Moshe Mecheles married again, a young woman this time. She made him pay dearly, soon inherited his fortune, and squandered it. Shifra Zirel became a harlot in Pressburg and died in the poorhouse. The ruin still stands as before, and Nathan's bones still lie there. And, who can tell, perhaps another man, who sees without being seen, is hiding in it.